STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06896

ERSHTE TRIT

Solomon Davidman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלוימע דאַווידמאַן

ערשטע טריט

בילדער און דערציילונגען

פאַרלאַג
„יונג-קוזניע"

ניו יאָרק, 1925.

479

פרייז 25 סענט.

אינהאַלט :

1. עסטערל׳ס כאַסונע.
2. מעשוגאָאים.
3. מאַלאַמוד.
4. דער ערשטער פּייף.
5. אַרויסגעריסענע בלעטלאַך.
6. אין דער רויטער אַרמיי.
7. פּריינט.
8. וואידי׳ס ליולקע.
9. גליק צעשטערער.
10. אַ מאָרד.
11. אַ ראָזעווע שפּיי.
12. „סמיטיא“.
13. פריייד־טרערן.
14. דעם מאָרגן אַנטקעגן.

עסטערל׳ס כאַסונע

קינד און קייט, זעקיינים און באָבעס האָבן געקענט עסטערלען. צווישן באָכורים און מיידלאַך איך דאָך שוין אָפּגערעט!

עסטער׳ל האָט אַפּילע אַ צונאָמען ניט געקראָגן. זי האָט זיך ניט גענויטיקט אין קיין פאַמיליען־נאָמען, ווי לעמאָשל: „עסטערל זיידל׳ס!“, אָדער, „זיידל׳ס טעכ־טערל!“. זי איז אויסגעוואַקסן מיט זיך אַליין, מיט איר אייגענעם און איינציקן נאָמען: עסטערל!“.

און כאָטש מאַמעס און טאַטעס האָבן אַמאָל גע־שטראָפּט זייערע מיידלאַך פאַר שפּעט שפּאַצירן מיט באָ־כורים, און דערביי אַריינגעמישט עסטערלען, דאָך האָבן זיי זיך געוואונשן שטילערהייט, אַז זייערע טעכטער זאָלן אַזוי געפעלן און האָבן כיין ביי די באָכורים, ווי עס־טערל.

עסטערל, אַ געזונט שיין מיידל, רויטע באַקן, קיי־לעכדיקע ברוסטן, גלייכע פיגור און שוואַרצע צעפּ, שוואַר־צע אויגן, כיינעוודיק, מיט אַ שטענדיקן סימפּאַטיש־ליב־שמייכעלע אויף די ליפּן, האָט דעם גרעסטן באַלקאַסניק געקענט מאַכן שטיל, ווי אַ לעמעלע.

* * *

ווער פון די קינדער האָט זי ניט געליבט? אַז עס־טערל האָט דערפּאַקט אַ קינד, האָט זי עס אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט, געטאַנצט און געשפּרונגען דערמיט, גע־קושט אין די באַקן און צום סאָף געגעבן אַ צוקערקע מיט אַ פּלעצעלע:

— ווי אזוי הייס איך, יאסעלע ?
— עסטערל !
— כא־כא, ער ווייסט.

און ווער פון די אלטע האט זי ניט געבענטשט ? אלע האבן זיך געוואונשן אזא מאזל, וואס פאר א קינד דאס איז : די בלינדע שאמעסטע האט עסטערל אהיימגעפירט פון דער שול. יעקלען, דעם אלטן טרעגער, האט זי געלייענט בריף פון זיין זון, וואס איז אוועק קיין אמעריקע. איר זיידן האט זי געקויפט טאבאקע און די באבען האט זי אויסגעהערט, ווען פאר'ן שלאפן האט זי „קריאת שמע" מיט איר געזאגט.

די מיידלאך האבן זי ליב געהאט, ווייל זי האט אפן געזידלט מיט א שמייכל די באכורים, די פארשטעלטע, צולאזענע, וועלכע האבן אזש געקוועלן פון סימכע, ווען עסטערל אז געווען ניט ווייט פון זיי.

און ווייל עסטערל איז געווען אפנהארציק און גוט, האט קיין באכור ניט געוואגט צו טראכטן וועגן איר שלעכטס.

מיט יעדן איז זי געווען כאווער און וואויל, און אלע האבן זי ליב געהאט. פון באכורים שמועסט מען שוין ניט, זיי האבן געברענט, מאמעש געסארפעט.

עסטערל האט קיינמאל ניט שפאצירט מיט איין מיידל אדער איין באכור, ווייל שטענדיק האבן זי ארומגערינגלט און איר נאכגעשפאנט א גאנץ בינטל מיידלאך מיט באכורים. זיי האבן קימאט ניט גערעט, ווייל עסטערל אליין האט גערעט פאר אלע, און זיי האבן געלאכט, געפונקלט און געפינטלט מיט די אויגן :

— קומט איין סאד, כעוורע, דא איז גאס זיינען צופיל מענשן און צופיל זון.

— אַט, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, עסטערל! — האָט זיך אַווראָם־בער אַרויסגעלאַכט.

— האָסט געוואָלט, פאַרוואָס זשע האָסטו געשוויגן. מיין שטרויענער העלד? — האָט עסטערל געהילכט. — ווער שפּאַצירט מיט מיר היינט, באָכורים?

„איך!", — „איך!!" — „איך!!!".

— אַלע מיט מיר? און ווער וועט שפּאַצירן מיט ביילען, קיילען, ראָכלען און באַסיען? איר זיינט דאָך ערשט געווען מיט די מיידן קוצעניו־מוצעניו?

די מיידלאַך האָבן זיך צולאַכט און געפּליעסקעט מיט די הענט, און די באָכורים'ס פּענימער האָבן זיך גערויטלט און אַרויסגעשמייכלט: „אַי, סאַ עסטערל!"

אַז אַ באָכור האָט זיך שטיל אונטערגעכאַפּט און זיך גערוקט נעבן עסטערלען, האָט אים עסטערל באַלד אָפּ־געפּאַרעט:—וואָס זוכסטו, זעליק, אַ קוש, אַ גלעט, זאָג, שעם זיך ניט? — נאָך אַזעלכע ווערטער האָט זיך זעליק אָפּגעטראָגן קוים אַ לעבעדיקער.

* * *

עסטערל האָט געלייענט ביכער אויך און זיך פּ אַ ר־ ט ר אַ כ ט און געקענט פירען אַ שמועס ערנסט. נאָר ווי ערנסט זי איז געווען, האָט זי דאָך געמוזט אַ שמייכל טאָן, און דערפאַר טאָקע האָט קיינעם ניט פאַרדראָסן, ווען עסטערל האָט אַפילע געזידלט.

ווען מ'פלעקט זיך צונויפקומען צו פערל זיאַמע'ס, אין ווינטער אָוועגטן, שפּילן אין פלירט אָדער טאַנצן און זינגען, האָבן באָכורים מיט מיידלאַך סוידעס געפירט. קלוימפּערשט: „איך וויל אייך עפּעס זאָגן!", און זיך באַהאַלטן אין צווייטן פינסטערן צימער...

נאר עסטערלען האט מען ניט גערופן: מ׳האט מוירע געהאט פאר איר, זינט באַרים האט געכאפּט א שמיץ: „באַרים, מיר זיינען דאך ניט קיין קינדערלאך, מיר ווייסן שוין דעם סויד, דו ווילסט מיך אַרומנעמען, צוקוועטשן און געבן א קוש, נארישער באַכור, מיין מאַמע קנייט איך טעיג אויף כאַלע...״

און פאַר׳ן גאַנצן אוילעם עסטערלען א קוש געבען, האט קיינער ניט געוואַגט!

* * *

עסטערל איז געוואָרן א קאַלע. פון א פרעמדער שטאָט א באַכור אַראָפּגעקומען... עסטערלס כאַסונע איז טאַקע באַלד. מ׳נייט און מ׳גרייט זיך צו דער כאַסונע. מ׳באַקט שוין שטרודל און מ׳בראָט שוין קאַטשקעס אויף עסטערל׳ס כאַסונע. מעכוטאָנים זיינען שוין געקומען, — עסטערל׳ס כאַסונע.

אין גרעסטן זאַל, די גאַנצע שטאָט מענשן, קינד און קייט, אָרים און רייך, פאַרבעטענע און אַליינגעקומענע. אַלע האָבן אַזוי געזאָגט: „מיר מאַכן היינט כאַסונע עסטערלען!״

ווען די קלעזמער האָבן געשפּילט א פריילאַכס און דער אוילעם האט זיך „געהויבן״, אַזוי, מונטער, היים, מיט נעשאָמע, ווי כאַסידים ביי א רעבין, האט זיך עסטערל אויפגעשטעלט גלייך, מיט איר קאַלע-קראַנץ, האט זי א פּאָנים געהאַט ווי א מאַלקע. מיט איר האַנט בלויז באַ-פוילן און די שפּילער זיינען געבליבן שטיל, און דער אוי-לעם האט זיך אומגעקוקט פאַרוואונדערט:

— שמערעלע — האט עסטערל טרויעריק געצויגן. — נעם דיין פידעלע און שפּיל א וויינענדיקס, צו מיין צושיידונג מיט עסטערלען!״...

שמערל האט געפירט מיט'ן סמיטשיק איז ארויסגע־
געבן טענער, וויינענדיקע, קלאנגנדיקע, — עסטערל האט
דאס ערשטע מאל אויף איר לעבן געוויינט, און ווישענדיג
די טרערן האט זי ארויסגעמורמלט:

„בלייב געזונט, עסטערל!"

און דער אוילעם האט מיטגעוויינט.

מוישע דער רויטער

מעשוגאאים

א איד פון א יאר פופציק און עפשער עלטער, ווער
האט דען געקענט וויסן? — אז מע האט אים א שטייגער
א פרעג געטאן:

— ר' מוישע, וויפיל זיינט איר אלט?

— א יאר מיט א שפאלט! אוועק, דו מאמזער! —
איז ער אונן, קליינע בעוורע, וועלכע האבן פון אים גע־
שלעפט די צעריסענע קאפאטע, נאכגעלאפן מיט א שטיין.

געגאנגען איז ער זייער פאמעלאד, שטיל, בארוועס
געוויינלאד, און זיך גערוקט ביי די ווענט. מאנכעסמאל
זיך אפגעשטעלט ביי א פענסטער, ארייגעקוקט, געמאכט
גרימאסן מיט זיין צורע. יעדער האט געלאכט. מען האט
געמוזט לאכען. נאר ער אליין — גארניט! ארויפגע־
לאזן די אויגן און זיך ווייטער אוועקגערוקט.

און ווייל ער האט געהאט האבלאכע, יעדער האט אים
עסן געגעבן, האט ער שטענדיק געקייעט, באזונדערס
האט ער ליב געהאט צו קייען שווארצן ברויט.

ווען ער איז מיד געווארן, איז זיין פלאץ געווען אויף
די טרעפ פון דער ליי־און־שפאר־קאסע, און ווען ווער
איז אריין אדער ארויס פון באנק, האט ער ארויסגעבור־
קעט „אומע, געלט, געלט!" — און ניט מער.

זיין נאַכט־ווינקל איז געווען אונטער דער וואַנט פון לעצטן געסל, וואָס שניידט אַריין אין דער ברייטער וולאַדימיר גאַס, און ווען פֿאַרלאַך אָדער אַזוי שפּאַצירנדע זיינען פּאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיין ווילדן רויטן קאָפּ אַרויסגעשטעקט, זיין צונג אַרויסגעשטעלט און אַרויסגע־לאָזט: „בו־אַו, מיע־קו, קראַמב, קראַנמב!“ און מייד־לאַך פֿלעגן קוויטשען.

הא!...

ווע‍לוועל מיט מייערן

וועלוועל איז געווען אַ נידעריקער, אַ גראָבער, און מייער איז געווען אַ העכערער, אַ דינער. זעלטן, זעלטן האָט מען זיי באַזונדער באַגעגנט. די „מעשוגענע“ נאַ־טור האָט זיי אַפּאַנים אומיסטן צונויפגעפּאַרט: ווייל מייער האָט ליב געהאַט צו טאַנצן און שמייכלען, און וועלוועל אָדער „וועווע קען עסן“, האָט געשפּילט אויף אַלע אינסטרומענטן מיט אַמאָל. געוויינלאַך האָט ער מיט די פּיס און מיט די הענט אַזוי געאַרבעט, אַז ס'זאָל זיך פּאַסן: האָט ער גענומען שפּילן אויף אַ פידל, האָט ער זיין קאָפּ אָנגעלענט, אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט און מיט דער רעכטער געשמיטשקעט. האָט ער געפּאַרעפּאַקלט, איז באַלד אַרויסגעוואַקסן פֿון ערגעץ אַ שטיק בלעך מיט אַ שטעקעלע, נאָר דאָ האָט ער אויך געצויגן און גע־קלאַפּט מיטן רעכטן פֿוס, ווייזט אויס, די טאַצן זאָלן אים אונטערהאַלטן, און זיין מויל האָט ווילד געסלינעט: „דזינא, דזינא, דזינא־נאַי, דזאַם, דזאַם!“

דער עולם האָט געלאַכט און זיי ברויט מיט עפּעס אַרויסגעבראַכט. נאָר איידער וועלוועל האָט גענומען אין מויל, האָט ער איינעם אָנגעכאַפּט:

— איך קען עסן?

— יאָ, וועווע קען עסן.

— ווי אַזוי?

— ווי אַ פֿליג!

— אאַאום! — האָט זיך וועלוועל געקרימט און ניט געוואָלט עסן — וועווע קען עסן?

— יאָ!

— ווי אַזוי?

— ווי אַ פֿויגעלע!

— ניין!

— ווי אַ קאַץ!

— ניין! פּאַני דאָקטאָר — האָט ער אָנגעכאַפּט אַ יונגערמאַן מיט פּענסנע — ווי אַזוי עסט וועווע?

— ווי אַ פֿערד.

— הערסט, מייער? — האָט וועווע אים דערלאַנגט און באַלעגאַליש געזאָגט — „וועווע עסט ווי אַ פֿערד!“ און אַ רים געטאָן אַ שטיק ברויט טאַקע ווי אַ פֿערד!

מייער האָט אים אַרומגענומען מיט אַ שמייכל און אָוועקגעטאַנצט!

יענטע די רויטע

יענטע די רויטע האָט זיך שוין גערעכנט פֿאַר אַן אייגענע מעשוגענע, ווייל זי האָט געלעבט אַביסל אַרויס דער שטאָט און געהאַט דריי קינדער. נאָר איז געקומען אַרום טאַמוז, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט, אַריין אין אַ קראָם, געקלאַפּט פֿענסטער, געשפּיגן און געשאָלטן מע־נער (נאָר מענער!) און וואָס זי האָט דערפּאַקט, איז געפֿלויגן אין דער לופֿטן מיט שרעקלאַכע קלאָלעס. דער־ביי האָבן זיך ווילד צעשויבערט אירע רויטע האָר און ערטערווייז זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר געזיכט.

ווען א קליינער אוילעם האט זי ארומגערינגלט האט זי אין יעדן טיף אריינגעקוקט, א ווילע רואיק געשמייכלט און באלד פארביסן מיט די ליפן, „עפעס" ארויסגעבורטשעט און ווילד אנגעהויבן שרייען, שפייען, שעלטן און ווארפן שטיינדעלאך.

נאר... שלעכטע מענשן! אפילו מעשוגע, לאזט מען אויך ניט לעבן!...

אירע פריינט פלעגן זיך פון ערגעץ באווייזן, מיט א שטריק זי געבונדן און אהיים געפירט.

אין א וואך ארום האט זיך יענטע די רויטע ווידער ארויסגעגאנוועט און געווילדעוועט, געשאלטן די גאס!...

בריינע איז גלאט מעשוגע!

אן עלטערע פרוי, צופאטלטע האר, מיט א ווייס־ליבער שמאטע אויפ'ן קאפ, צוריסענע קליידלאך א דריי, פיר, איינס לענגער פון דעם אנדערן, אזוי, אז ס'האבן זיך שטענדיק נאכגעשלעפט און געריבן אויף די שטיינער טונקעלע, רויטע און פינטלדיקע עקן פון אירע בגאדים.

ניט גערירט קיין פליג, אמאל נאך, ווען מען עפעס געהאלפן אין הויז־ארבעט. זי פלעגט ניט דערהערן, ניט פאר קיינעם גערעדט, האט זי טאמיד געבורטשעט: „מאאום, מאאום!" דאס האט, ווייזט אויס, געהייסן: „וואס זאגט איר?"

גיין איז ניט געווען איר טעווע. מען קען אנרופן, זי האט זיך געשלעפט, זי האט זיך געשארט.

די ערגסטע קלאלע איז געווען, אז מען האט איר אריינגעשריגן אין אויער אריין: „בריינע, דער מאן מיט די אכט קינדער, וויל דיך נעמען!" — פלעגט זי זיך

ווילד־וויינענדיק צושרייען: „גייט, גייט, איך וויל אים נישט!“

דאָס ביטערסטע איז זי אויסגעשטאַנען פון די קאַצאַווים־יונגען, ווען זי האָט זיך געשלעפט אויף סטאַוויסקע גאַס:

— זעסט, ברײַנע, אָט שטייט ער אויפ'ן שפּיץ קלויסטער און שרייט: „ברײַנע, איך וויל דיך נעמען. איך האָב אַכט קינדער!“

— גיב נאָר אַ קוק, זעסט אויפ'ן דאַך פון גרויסן בייסאַמעדראַש, שטייט ער און שרייט: „ברײַנע, קום צו מיר, איך וויל מיט דיר כאַסענע האָבן!“ — האָט אַן אַנדער קאַצאַוו־יונג געשלעפּט איר קליידל.

— איך האָב אים אין דר'ערד, איך האָב אייך אין דר'ערד. אוי גאָט, איך וויל אים ניט, אי וויל אים ניט, בי־מע־אי־אום! — האָט זיך ברײַנע ביטער צעוויינט און זיך אַוועקגעשלעפּט!...

סאָלאָמאָן דער לאַנגער

אַ הויכער ברונעט, אַ יאָר דרייסיק, מיט אַן אָנגעוואָרפן בערדל און צופליקטע בגדים, שטענדיק אַן אַ היטל, האָט געשפּאַנט אויף גיך:

— פון וואָס פאַר אַ שטאָט קומט איר, סאָלאָמאָן?

— פון קיעוו!

— וואו געפינט זיך קיעוו? — האָט מען אים אומיסטן געפרעגט.

— נעבן אָדעס!

— איז עפּעס ווייט אָדעס?

— צען שפּאַן פון קעשינעוו.

— וואוהין גייט איר?

— אז... ווארט... מיר האבן באשלאסן קאנספיראַ־ציע, קאנספיראציע... גיט א זויערע אוגערקע... מיר וועלן זיי אלע צונויפזאמלען, אראפפירן צום טייך און דעם קאפיטאל דערטרינקען... שאט, זאל זיין שטיל, קאנספי־ראציע... ס'גייט פאליציי!

— עי, סאלאמאן, איך גיב דיר פינף קאפיקעס, וועסטו דיר קויפן עפעס, אבער א שיינע רעדע — האט א זייטיקער יונגערמאנטשיק זיך ארויסגערוקט.

— איך דארף ניט אייער געלט. נידער מיט געלט!

— האט זיך סאלאמאן צולאזט און צוסלינעט — איך זעט די שטיינדעלאך אויפ'ן ברעג פון טייך, קיילאכדיקע, דאס זיינען מאטבייעס אמאל געווען; גאלד, זילבער, מעש און קופער און איך האב זיי פארוואנדלט אין שטיי־נער... גיט א זויערע אוגערקע, צום טייוול, איך פיל הונ־גער.—

עפעס א פרוי האט אריבערדערלאנגט:

— נא, סאלאמאן, עס, נאר פארגעס ניט צו דער־ציילן פון קעניג אן דעם קאפ!

סאלאמאן האט געביסן און געשלונגען מיט קאאס:

— לאזט מיך, וואס האט איר מיך ארומגעשפארט אין קאמף!...

און מיט א ווילדן געלויף זיך צום ברעג געלאזט, געקליבן קיילאכדיקע שטיינדעלאך און אין וואסער אריין, מיט נעקאמע־אויסגעשריי, איינס נאכ'ן אנדערן גע־ווארפן:

— געלט!... שטיין!... וואסער!... טויט!...

א מידער, פלעגט ער זיך פארטראכטן, שפאנען ביים ברעג און אמאל זיך אנשפארן אן בערגל, — וואו איז ער געשלאפן?!...

שפּרינצע

אַ פּרויעןּ פיגור, צובלוטיקט, צושלאָגן, צוריסן, צו־שויבערט, האָט זיך אויף די פּוסטע געסלאַך באַוויזן, אויפגעהויבן צופּליקטע זאַכן און אָוועקגעשליידערט, גע־לאַכט און געוויינט און ווילד געקוויטשעט... ביי שי־מעג׳ס פענסטער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט:

— שימען, קום אַרויס, „זיי“ זיינען שוין ניטאָ... אוי, מאַמע... כאַ־כאַ־כאַ, שיינע אָפּיצערן... ברררר, גוואַלד, גוואַלד!... כאַ־כאַ, שימען, קום ארויס, איך בין עס!... העלדן האָבן פון ערגעץ זייערע קעפּ ארויסגע־שטעקט און שטיל גערופן: „עי, דו, קום נאָר אַהער!...

שפּרינצע האָט זיך ווילד צולאָזט:

— אאום, שימען. דו האָסט מוירע? אאום, שימען, דו האָסט מוירע?... ידו?... ידו?... ידו?... טאַ!... און ווילד אריינגעקנאַקט אַ שטיין אין פענסטער, וואָס האָט זיך באַלד צוקלינגען מיט אַ געפּלאַץ!

— כאַ־כאַ, זעקס געזונטע, שטאַרקע, הויכע... שווע־רע, מיך שיר ניט דערקוועטשט... מאַמעניו, ראַטעווע, שי־מען, שימען!...

דורך אונטערטירלאַך האָבן זיך מענער אַרויסגעגאַנ־וועט און זיך צוגעלאָזט צו שפּרינצען, זיך דערבגעשמועסט מיט די פּאָגראָם־שרעק אויגן און דורך די פענסטער־לעכ־לאַך אַריינגעשטילט: „שפּרינצע איז מעשוגע געוואָרן!...

פון ערגעץ איז אַ מאַמע אַנגעלאָפן מיט אַ ביטער געוויין:

— אוי וויי, אוי וויי, שפּרינצעניו!...

מאלאמור

מאלאמוד, אַן עלטערער באָכור, האָט איבערגעלאָזט אַזויפיל געליבטע, אַז עס וואָלט זיכער געווען גענוג פאַר אַ פּאָר צענדליק באַלעבאַטישע יונגען. דערפאַר טאַקע האָט ער זייער פיל באַקאַנטע יונגע ווייבלאַך, וועלכע האָבן אים נאָך ניט פאַרגעסן. און ער איז ניט קיין שע־מעוודיקער און נוצט טאַקע אוים פיל פּלעצער אויף אַ גמילאַסכעסעדל, אַ ביסן און אַ גלעזל טיי.

באַזונדערס קען אים בערטאַ ניט פאַרגעסן, כאָטש זי האָט אַן אינטעליגענטן מאַן, וואָס „מאַכט פאַר איר אַ שיין לעבן" און האָט שוין אַ אינגעלע פון דריי יאָר. זי דערמאָנט ביי יעדער געלעגנהייט אויסצוגן פון מיאַ־לאָמוד'ס אַ מיינונג איבער אַ לעבנס־פּראָגע, אַ שרייבער, אַ בוך.

ווייל מאַלאַמוד האָט פיל געלייענט און נאָך מע־ער געכאַלעמט, אַלע יאָרן געלערנט אויף „עפּעס", אויף וואָס ער אַליין האָט קיינמאָל ניט געוואוסט זיכער, און קיין שום עקזאַמענס ניט אויסגעהאַלטן, אַנגעשריבן און אי־בערגעזעצט בערג, נאָר געדרוקט האָט מען זייער זעלטן. ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער טויג ניט צו קיין שום אַרבעט, ווייל ער האָט זי פיינט, ווי אַ פרומער איד — כאַזער.

עפּעס האָט ער געזוכט, עפּעס האָט ער געוואָלט, נאָר וואָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט, דערפאַר האָט ער אומעטום און ביי יעדן געפאַרשט.

מערער ווי שטענדיק פּלעגט מאַלאַמוד קומען צו בערטאַ'ן ביי טאָג, דיפּלאָמאַטיש, כאַפּן אַ נאַש, אַ פּאָר דאָלאַר אויף אַ וואָך און אַ גנייווישן קוש, ווען איר אינ־געלע פּלעגט שלאָפן און זי האָט זיך פאַרטראַכט:

— מאַלאַמוד, איך האָב דאָך אייך געבעטן! — פלעגט בערטאַ רויט ווערן.

— אָך, בערטאַ, אַלע מיידלאָך ווערן נאָך דער כאַ־סונע צאַדייכעס.

— ווען איר האָט אַ פרוי, וואָלט איר דערלויבט אַ פרעמדן מאַן זי קושן?

— אויב זי האָט פאַרגעניגן, פאַר וואָס ניט. זענט איר זיכער, אַז אייער מאַן האָט קיין פרוי ניט אַנגערירט, זינט ער האָט אייך?

— קען מען דען זיין זיכער? — האָט בערטאַ גע־שמייכלט.

— מיר מענער קענען קיינמאָל ניט אַרעווו זיין פאַר זיך, אַבי עס טרעפט זיך אונז נאָר אַ געלעגנהייט איז יעדע פרוי אַ קערן... געווים איז אַ שטיקל אונטערשייד צווישן מער און ווייניקער אַנטוויקלטע.

— וועמען ליבט איר אַ י צ ט, עסטער'ן צי מערי'ן?

— ביידע ניט: מערי איז נאַריש און עסטער איז פויל.

— וואָס געהער זיך עס אַן מיט ליבע?

— איך ווייס ניט ווי ביי אַנדערע, ביי מיר האָט עס אַ גרויסע שייכעס. אַן קאָמפּלימענטן, בערטאַ, כ'מוז אייך זאָגן, אַזאַ מיידל ווי איר זענט געווען, האָב איך נאָך ניט באַגעגנט.

— דאָס האָב איך שוין עטלאַכע מאָל געהערט, אָבער שוין צו שפּעט.

— בערטאַ, קיינמאָל ניט שפּעט!

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעצויגן די הענט לײדנשאַפטלאָך, זיך קלאַמפּערשט געגעבן אַ דריי, אַנגע־כאַפּט ביים קאָפּ און זייער אַ הייסן קוש צוגעפּרעסט.

בערטאַ האָט זיך דערשראָקן און אים אָפּגעשטופּט, זיך אָפּגעווישט די באַק מיט'ן טיכעלע און איז געבליבן זיצן ברויגעז.

— אַנטשולדיקט, בערטאַ, ס'איז מיר געווען שווער זיך צו באַקעמפן.

און אויך דאָס מאָל האָט הערי דערקענט, אַז בערטאַ איז צוקאַכט. עפּעס די טעלערלאַך מיט'ן עסן האָט זי אַוועקגעשטעלט, ווי פאַר אַן אויראַך, ניט פאַר אַ מאַן.

— אַ שלעכטע שטימונג, בערטאַ ?

— יאָ !

מער האָט הערי ניט געפרעגט, ווייל בערטאַ וואָלט ־־־־־־סיי ניט געענטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז ער מוז אָפּוואַרטן ביז ס'וועט איר איבערגיין, נאָר זיצנדיק אַזוי, מיט'ן גאָפּל אין מויל און דאָס מעסער אין האַנט, האָט ער ווי צום טעלער גערעדט :

— בערטאַ, אויב דו ווילסט, הער מיך אויס.

— וואָס ?

— אָבער איך וויל זאָלסט מיר ניט איבערשלאָגן.

— איך זאָג דיר צו.

— זאָלסט וויסן, אַז איך בין פיל מאָל אָנגעקומען ווען מאַלאַמוד איז געווען אין הויז און איך בין אומיסטן אַוועק צוליב דיר, פיליכט ברייינגט ער דיר עפּעס פאַרגעניגן.

— הערי ! — האָט בערטאַ געוואָלט איבערשלאָגן.

— האָסט מיר צוגעזאָגט ! — האָט הערי געדראָט מיט'ן פינגער — זאָלסט ניט מיינען, אַז איך זאָג עס אינגאַנצן אַלס אייפערזוכט. עמעס, אַביסל פאַרדריסט מיך, אָבער דער איקער וויל איך דיך פאַרהיטן און דיין

קאָוועד: עס האָט ווער דערציילט, אַז מאַלאַמוד האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דיר גאָר ניט שיין. האָט מיך פאַרדראָסן, מאַלאַמוד זאָל ריידן אויף דיר אונטער די אויגן און דערנאָך קומען דיך קושן. עס פּאַסט ניט. איצט האַנדל ווי דו פאַרשטייסט.

בערטאַ האָט פּאָר קאָאַס געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש: „ניט עמעס"! און איז אַריין אין צווייטן צימער, זיך אַרייַנגעוואָרפן אין בעט, זיך טיף איינגעגראָבן אין קישן און באַטראַכט: זי קען איר הערי'ן, ער איז אַזוי פיל אַנטוויקלט ווי מאַלאַמוד, אָבער ביי קיין ליגן האָט זי אים נאָך ניט געכאַפּט.

הערי האָט אָפּגעגעסן, זיך געשפּילט אַ ביסל מיט'ן אינגעלע, דערציילט אים אַ מייסעלע, אים איינגעשלעפערט, און אַליין אויך איינגעדרימלט.

ווען הערי האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַרום עלף אַזייגער, איז בערטאַ געזעסן אַן אָנגעטאָנענע און געקוקט אויף איר אינגעלע. ער האָט בלויז געוואָרפן אַ בליק אויף איר, האָט ער געלייענט, אַז ס'איז איבעריק צו פרעגן וואוהין זי גייט, ווייל זי וועט אים ניט זאָגן. עס האָט בלויז אויסגעקוקט, ווי בערטאַ האָט געוואַרט הערי זאָל זיך אויפכאַפּן, ער זאָל ניט מיינען, אַז זי וויל זיך אַרויסגאַנווענען, ווען ער שלאָפט, און בערטאַ איז אַוועק.

איין מאָמענט האָט ער געקלערט איר נאָכשפּירן. נאָר באַלד האָט ער געביטן זיין מיינונג, געזעצט זיך לייענען אַ ביכל און גלייכצייטיק וואַרטן אויף בערטאַ'ן.

מאַלאַמוד האָט געשוויצט איבער אַן איבערזעצונג. געווען פאַרטיפט אין ווערטער־ביכער און פּאַפּירלאַך, ווען בערטאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ווער איז דארט? — האט מאלאמוד זיך גע־וואונדערט.

— איך, בערטא.

— בערטא? — האט מאלאמוד געעפנט און געזען זי א בלאסע, א פארטרערטע.

— וואס איז געשען, בערטא?

— איך האב זיך צוקריגט מיט הערי'ן.

— ווי אזוי, וואס גאר פלוצלונג?

— ס'איז מיר שוין נימעס געווארן צו טראגן א מאסקע.

— וואס זשע, איר האט עפעס אויפגעזאגט, אז ער ליבט אייך ניט.

— אז איך ליב אים ניט.

— דאס איז דאך אן אלטע געשיכטע.

— אבער איך קען מער מיט אים ניט לעבן. גענוג. און איך וועל גיין צוריק אין שאפ אריין...

— וואס?

— מאלאמוד, איך בעט אייך, מאטערט מיך ניט. איך בין געקומען איצט צו אייך. — און בערטא האט זיך שטיל צוטרערט.

מאלאמוד האט זיך ארומגעדרייט א פארטראכטער איבער זיין צימערל, און געזוכט עפעס אין א שפאלט נעבן פענסטער...

— איך האב ניט קיין געדולד, מאלאמוד, אויב איר וועט מיך אויך ארויסווארפן, דאן —

— איר וועט דאס ניט טאן, בערטא, איך האלט אייך ניט פאר אזוי נאריש, אבער איך קען מיר קיין אייצע ניט געבן, איר ווייסט דאך מיין לאגע... ווי און וואו?

— איך וועל ארבעטן אין שאפ, ס'וועט זיין אויף צו לעבן.

— דאס וויל איך ניט, אז איר זאלט אויף מיר אר־בעטן.

— האט איר מיך ניט געלערנט, אז ס'טאר ניט זיין קיין אונטערשיד צווישן דעם מאן און דער פרוי?

מאלאמוד איז געשטאנען און אביסל געטראכט.

— בערטא, ס'ווערט שפעט.

— כ'האב ניט צו ווען צו וועמען און וואוהין צו גיין.

— הערט אויס, בערטא, איצט גייט אהיים צו אייער מאן און אנטשולדיקט זיך און איך וועל קומען צו אייך מארגן וועלן מיר צוטראכטן א פלאן...

— ניין, ניין — האט בערטא זיך געקאאסט און געשטיקט מיט טרערן, — איר זאלט מער צו מיר אין הויז ניט קומען. אדיע, אויף אייביק.

— כ'האב אייך פארשטאנען! — האט מאלאמוד ארויסגעשטאמלט ווי צו זיך און איינגעהערט זיך אין בערטא'ס פעסטן אפשפאנען...

דער ערשטער פייף

צום גרויסן שטאט ערד, וואו די נאכבארשאפט האט בערגלאך מיסט און שמוץ צונויפגעווארפן, וואו שטיקער אייזן, בלעך און שמאטעס האבן זיך געוואל־גערט: קליינע קינדער האבן אין באל געשפילט, און טשאלי פלעגט זיך אפן קרומען שטיין אנידערזעצן און פיפקען זיין ליולקע, אויסרויען זיינע ביינער און שמייכ־לען, ווען א באכורל האט דעם צווייטן אריינגעלייגט — אט צו דעם פלאץ איז צוגעפארן א גרויסער, נייער אוו־טאמאביל, געגעבן עטלאכע זידן, אפגעאטעמט און אנט־שווינגן געווארן. די מירלאך האבן זיך צעפראלט און צוויי יונגע מענטשלאך זיינען באלד ארויסגעשפרונגען, נאך זיי א פאר אין מיטעלע יארן און דער פינפטער א שווערער

פֿאַרשווין, האָט פֿריער אַרויסגעטראָגן דעם בויך, וועלכער האָט זיך געטרייסלט און דעם גאָלדענעם זייגער באַוועגט. דערנאָך אַליין זיך אַרויסגעקוליעט און געבליבן שטיין אַ מידער. אָנרירנדיק זיין פּענסנע, וואָס דאָס מיינט: „איך בין שוין גרייט צו קוקן — מעסט!"

צוויי האָבן געהאַלטן די שפּיצן און די אַנדערע האָבן אויסגעצויגן דעם מעסט־שנור. ווען דער שנור האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. פֿאַרצייכנט אין אַ נאָטיץ־ביכל און ווייטער געמאָסטן.

דער שווערער מענטש האָט פֿאַררויכערט אַ גראָבן ציגאַר, געלאָזט אַרויף די קנוילן רויך און אויסגעשפּיגן אָן אַ זייט, געביטן זיין בליק אָט רעכטס, אָט לינקס, באַקוקט און באַטראַכט די אַרומיקע הייזלאַך, וואָ׳ עס וואוינען, קענטיק, אַרבעטער און האָט צו זיך געשמייכלט.

לאָזנדיק זיך צום בייכיקן, האָבן די איבעריקע אַריינגעדרייט דעם מעסט־שנור, פֿאַררויכערט סיגאַרעטלאַך, צווישן זיך געשמועסט, אָנגעוויזן מיט די פֿינגער, געמאָסטן די לופֿט מיט די הענט, קוקנדיק מיט אַ כניפּעשמייכעלע צום מאַן מיטן בויך.

דער בייכיקער האָט געשמייכלט, פֿאַרצויגן זיין ציגאַר און זיך אַריינגעדראָפּעט אין אויטאָמאָביל. דער שאָפֿער האָט פֿאַרקלאַפּט דאָס טירעל, צעבלאָזן דעם מאָטאָר און אַוועק מיט אַ ררררר, איבערלאָזענדיק אַ שטיקנדן רויך.

אויפֿן צווייטן פֿרימאָרגן האָבן שווערע וואָגן־אויטאָמאָבילן אָנגעבראַכט זאַמד, שטיינער, ברעטער, און דעמבעס. אַ גרויסע גראָב־מאַשין איז אָנגעקומען. אַ שוואַרצער האָט זי אָנגעהייצט און זי האָט אָנגעהויבן זידן מיט אַ הילך און געקלאַפּט: טאַ־ראַ, ראַ־ראַ און אַריינגעריסן

זיך אין דער ערד, טאַ־ראַ, טאַ־ראַ און אַרויס אַ פּולע. שווערע פערד־און־וועגענער זיינען אונטערגעפאָרען: פיר, פינף לעפל — זיי זיינען פול און רירן זיך פּאַמעלאַך אין וועג; אַז אַנדער וואָגן אונטערגעפאָרן, אָנגעפילט און אַוועק. .

איטאַליענער האָבן צונויפגעקלאַפּט אַ שטיבל, מען האָט אָנגעקלאַפּט אַ בלעטל: „אָפיס". פון אָפיס האָט אַרויסגעקוקט אַ קלוג אידל מיט אַ ביכעלע. דאָס אידל האָט זיך רואיק געצויגן זיין פּיפּקע, געוואָרפן מיט די אויגלאַך. צו רוען זיך כאַלילע ניט אָפּ די אַרבעטער. און ווען ער איז אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן שעטאַך און אַלעם איז געווען אין אָרדנונג, האָט ער פויל געבעטן: „וואַלנאַט 4747" און איבערגעגעבן מיסטער גינזבורגן, אַז אַלעם איז אין בעסטער אָרדנונג. ער האָט געשמייכלט אין טעלעפאָן אַריין און אויפגעהאַנגען דאָס „פלעשעלע" מיט אַ שיינעם „גוד באַי, מר. גינזבורג!"

קינדערלאַך האָבן זיך אין זאַמד געוואַלגערט, מיט שטיינדלאַך געוואָרפן און האָבן זיך נאָך די וואָגנס גע־האַנגען. דערוואַקסענע מענטשן האָבן זיך נאָך דער אַר־בעט אַרומגעדרייט און געשמועסט:

— וואָס גייט מען דאָ שטעלן?

— אַן אייזן־פאַבריק.

— טאַקע? גוט. ס'וועט זיין אַרבעט.

— ווען וועט עס ווערן פאַרטיק?

— מע זאָגט: אין דריי מאָנאַטן.

אייניקע איינוואוינער פון דער נאַכבאַרשאַפט האָבן שוין אַפילע געדיינקט, אַז ס'וועט זיי זיין נעענטער און אין איין וועגס וועלן זיי בייטן זייער שלעכטן באַלעבאָס. גרעסערע באַכורימלאַך, וועלכע האָבן שוין אָנגעוואָרן

דעם כיישעק צום לערנען, האבן זיך אויך געגרייט. איינ־מאל איז מר. גינזבורג געקומען זען „וואו עס האלט“. מיט אים זיינען געקומען נאך א פאר, ווייזט אויס, אן אינזשינער, א בוכהאלטער אדער גלאט א פריינט.

זיי זיינען ארומגעגאנגען דעם גאנצן פונדאמענט, וועלכער איז שטארק ארייגעבויט געווען און אנגע־הויבן זיך העכערן איבער דער ערד. מר. גינזבורג האט געשמייכלט און איז געווען צופרידן — א סימען, אז ער האט אפגעשטעלט א אינגל:

— וואס איז דיין נאמען?

— הערי.

— הערי, א שיינער נאמען, דו לערנסט נאך?

— דערווייל. איך דיינק שוין צו גיין ארבעטן. איך בין שוין א גרויסער.

— אט זעסט, איך בוי א פאבריק, וועל איך דיר צונעמען צו דער ארבעט. זאג אן אלע דיינע כאוויירים און באקאנטע אין דער נאכבארשאפט, אז איך וועל זיך נויטיקן אין הונדערט ארבעטער.

— איך דאנק, איך וועל יעדן זאגן — איז דער אינגל אוועק א גליקלאכער.

אפן צווייטן טאג האט שוין א בלעטל געהאנגען, אז אין צוויי מאנאטן ארום וועט זיך עפענען אן אייזן־פאבריק. פיל מענטשן זיינען געקומען זייערע נעמען פארשרייבן, בעטנדיק, זיי זאלן זיין פון די ערשטע און אויך טשאלי איז געקומען און זיין נאמען פארצייכנט. דער פארשרייבער האט זיי צוגעזאגט מיט א שמייכל. ער האט געקוקט דורך די וואלקנס רויך פון זיין ליולקע און ס'האט אויסגעזען, ווי ס'ליגן זיך צוזאמען ציגל מיט בויער, באהעפטן זיך זאמד מיט טרעגער, שטייען א מאַ־

שין מיט א שווארץ מאשינדל אין מענטשלאכן געשטאלט און ביידע זידן זיי — זיינען דאס אלע און אלעם מאטעריאל פאר א פאבריק. ער האט אפילע א לאנגע צייט געטרויערט נאכן קרומען שטיין, נאר דאד האט ער זיד געמוזט אונטערגעבן: „הע, ער וועט גיין ארבעטן, לעבן הויז, טשאלי ס'איז גוט!“

די וועגט האבן זיד געהויבן, געהעכערט און שנעל געוואקסן. די געלאסענע בויער האבן א ציגל צו א ציגל געלייגט און באהעפט. די טרעגער האבן ארייגגעבראכט. אף די לאנגע לעפל־קעסטלאד, זאמד און ציגל. די יזיכע גאניקעכ, פון ברעטער צונויפגעקלאפט, האבן זיד אלע מאל אונטערגעהויבן, ארויפגעצויגן. סטאליארעס האבן שוין אונטן פענסטער און טירן געמאסטן, צוגעשניטן און שמידן האבן גראטעס אויסגעשמידט. דורכן גרויסן טויער האט מען שוין פארשידענע מאטארן און מאשינען ארייגגעפירט, טעכניקער האבן זיי צונויפגעשטעלט. בלעכער האבן שוין אנגעשוירן פאסן בלעד און מיט הילצערנע העמערלאד איינגעבויגן און ארומגעגלייכט. נאכדעם ווי די גרויסע דעמבעם האבן זיד צונויפגעשפארט און צוגעבונדן געווארן, האבן זיד די העמערלאד אפן דאד צעלאזט און די בלעכן האבן אנגעהויבן שרייען. די עלעקטרישע לעמפלאד האבן שוין געפינקלט. דער טעלעפאן האט שוין געקלונגען עטלאכע מאל אין טאג. א יונגע מיידל האט שוין אף א שרייב־מאשין געטאנצט מיט די פינגער. איניקע ארבעטער האבן זיד שוין ארומגעדרייט אין פאבריק מיט פארשמירטע קאסטיומען.

די זון האט נאד געשיינט אין אן אנדער ווינקל ערד און נאד ניט געדיינקט פון אונזער נאכבארשאפט, דאד האבן שוין די קארס אנגעבראכט יונגע און עלטערע

אַרבעטער. דער טראַמוואַי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשפּיגן די מענטשן און זיך אויסגעדרייט נאָך אַנדערע. רייבנדיק די אויגן, האָבן די מענטשן זייערע פּיפּקעס געזופּט און געשפּיגן. מען האָט זיך גערוקט נעענטער צו דער טיר, כאָטש דער פּאַרוואַלטער האָט נאָך ערגעץ נעכראַפּעט. די זון האָט זיך אַרויסגערוקט און אָנגעקוקט מיט די שטראַלן די מענטשעלאַך, וואָס וואַכן אויף פֿאַר איר, זי האָט זיי וואַרעמלאַך געגלעט און אַריינגעשטראַלט האָפֿנונג.

אַן אויטאָמאָביל האָט צוגעבראַכט דעם פּאַרוואַלטער מיט נאָך איינעם. ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט: געזונטע, לעבעדיקע און ביליקע געשטעלט אין איין זייט און דעם איבעריקן אוילאַם אַהיימגעשיקט.

דער קליינער ווייזער איז שוין געשטאַנען בײַ זעקס און אונטערגעוואַרט אַ פּאָר מינוטן ביז דער גרויסער זאָל זיך צורוקן צו צוועלף, ווען די שטילע נאַכבאַרשאַפֿט איז מיט אַמאָל פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון דעם ערשטן פֿײַף.

אַרויסגעריסענע בלעטלאַך

דער ריז

אין מיטן דער גרויסער שטאָט שטייט אַ ריז. פּלייצעס פֿון אײַזן און שטיין טראָגט ער אויף זיך. טויזנטער אויגן האַלט ער אויסגעגלאָצט. הונדערטער מײַלער פֿאַרמאָגט ער. זײַן פֿאַרריסענע רויטע נאָז קוקט אין לופֿט און זידט, זידט.

ער עסט מענטשנפֿלייש. ער טרינקט מענטשנבלוט. ער זויגט מענטשנמאַרך. ווען די זונשטראַלן שטעכן זיך אַרײַן אין זײַנע גלעזערנע אויגן, כאַפּט זיך דער ריז אויף פֿון זײַן שלאָף, לאָזט אַרויס אַ ווילדן ברום, וואָס הילכט

אַפֿ אין אַלע ווינקלען פֿון דער גרויסער שטאָט: „דער ריז וויל עסן, טרינקען!“

די צווייפיסיקע כאַיעס פֿון דער גרויסער שטאָט אײַלן זיך, לויפֿן צום ריז'ס רוף, צוליב דעם זייַנען זיי געבוירן.

עפֿנט דער ריז זייַנע ברייטע מײַלער, שלינגט אַרייַן די צווייפיסיקע. זייַנע געדערים שלענגלען זיי אַרום. קאָכן זיי, זידן זיי, שניידן, רייסן און בייסן, יאָגן, נאָגן און זויגן.

פֿילט דער ריז אַביסל מיד, לאָזט ער אַרויס אַ היי־זעריקן ברום. שטעלן די געדערים זיך אָפּ. לויפֿן די צווייפיסיקע זיך אַננעמען מיט קראַפֿט, ווייל דער ריז וועט באַלד ווידער ברומען.

און ווען דעם ריז ווערט שוין נימעס דאָס מענטשנ־פֿלייש, ס'ווערט אים ביטער פֿון מענטשנבלוט און ס'גייט אים שוין צוריק דער מענטשנמאַרך, לאָזט ער אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם הילך פֿון זיך הערן, צועפֿנט זייַנע מײַ־לער, צוטרייבט די צווייפיסיקע כאַיעס אין זייערע לעכער אַרייַן און לייגט זיך אַ מידער שלאָפֿן מיט אַ זיכערקייט. אַז מאָרגן וועט ער קריגן פֿרישע שפּייַז.

נעכטן

נעכטן האָט מיך דער ריז אַרויסגעטריבן שפּעט אין אָוונט, אַזוי האָט ער געוואָלט. מייַנע פֿיס האָבן מיך אַראָפּגעטראָגן צום אונטערערדישן באַן. די באַן האָט ברייט צעעפֿנט די טירן: „קומט אַרייַן, דער ריז האָט באַפֿוילן מע זאָל אייַך שנעל אַהיימפֿירן“.

קיין פּלאַץ איז פֿאַר מיר ניט געווען. איך בין גע־שטאַנען. האָט אַ באָכור צוויי שוואַרצע אויגן אַף מיר

אַנגעשטעלט. האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שנעלער און מיינע ליפּן האָט אַ שמייכל צועפנט. האָט ער מיר זיין פּלאַץ אָוועקגעגעבן און איבער מיר זיך אַוועקגע־שטעלט. האָב איך איינגעדרעמלט און געכאַלעמט, אַז איך בין אַ גאַנצע נאַכט געלעגן און צוויי שוואַרצע אויגן האָבן געצונדן מיין לייב. כ'האָב היים געקושט זיינע שטערן און ליפּן. טרערן פון פרייד זיינען פון מיינע אויגן גע־פלאָסן...

אָבער שטיל און פינסטער איז געווען אין מיין צי־מער. דער זייגער האָט מאָנאָטאָן געציילט די מינוטן. פון גאַס האָט זיך אַן עכאָ פון פאַרשפּעטיקטע דערטראָגן. כ'האָב מיין קישן גענעצט מיט טרערן, מיינע ליפּן געביסן און מיט מיין פויסט די לופט געסטראַשעט...

היינט

היינט האָט מיך דער באָכור אָפּגעוואַרט. מיר זיי־נען צוזאַמען אין נאָענטן פּאַרק אַוועק. האָט ער דער־ציילט ווי דער ריז איז פון אים צופרידן, ער האָט צו אים פון ערשטן טאָג געשמייכלט: „כ'האָב ליב אַ צווייפיסיקן מיט קרעפּטיקע הענט!"

האָט ער מיר באַוויזן זיין קויאַד. ער האָט מיינע הענט אַרונטערגעשלאָסן און מיך היים געקושט. האָב איך דערפילט, אַז דאָס לאַכט ער פון מיר. ער וויל פון מיר, אַ מאַכל פאַר'ן ריז — אַ שפּייז פאַר צווייפיסיקע גאַסנהינט, איבערשאַפן. האָב איך אים אין פּאָנים גע־שפּיגן און אים פאַרלאָזן.

ליג איך איצט אין מיין בעט און שוידער פאַר קאַאָס. איך גראָב מיט מיינע אויגן אין דער שטילער, פינסטע־רער לופט פון מיין צימער. מיט שוים אויף מיינע ליפּן

פאַדער איך אַ מאַכט, וואָס זאָל צעשמעטערן דעם ריז און פאַרניכטן דעם באָכור, מיט די צוויי שווארצע אויגן.

און דער זייגער ציילט מאָנאָטאָן די מינוטן...

מאָרגן

און מאָרגן, ווי נעכטן און היינט, וועל איך זיך ווי־דער אויפכאַפּן אַ דערשראָקענע. איך וועל וואַשן מיינע אויגן, זיי זאָלן זיך ניט קלעפּן פון ווייניק שלאָפן. דער אונטערערדישער טייוול וועט מיך טראָגן צום ריז. איך וועל אים, מיט מיין אייגענעם ווילן, אָפּגעבן מיינע בלייכע באַקן און דאַרע הענט צו זויגן.

און נאָכ'ן טאָג, ווען די זון וועט אָפּוואַרעמען די שטיינער און ציגל פון גאַס און זיך אַרונטערלאָזן, וועט מיך דער ריז ווידער אַרויסוואַרפן. מיינע פיס וועלן מיך ברענגען צום באַן. איך וועל זוכן דעם באָכור מיט די שטאַרקע הענט און שווארצע אויגן...

שאַבעס נאָכט

שאַבעס אָוונט איז געקומען מיין לייווי און געבעטן: „קום צו אַ באָל. מיר וועלן טאַנצן און פריילאך פאַר־ברענגען. לאָמיר פאַרגעסן אין וואָכעדיקן לעבן, פוי־דער דיין נאָז, פאַרב צו דיינע באַקן, צוגלי דיינע אויגן. זיי זאָלן מיך אָנצינדן, וועל איך דיר קושן און ליבן“.

האָב איך געזוכט דעם ערנסט אין זיינע אויגן, האָט זיך צעשמייכלט זיין קיילעכדיק פּאָנים, זיינע באַקן, פלעגן גריבעלאך באַקומען.

האָב איך אַ פּאָר טרערן דערשטיקט אין מיין האַלדז און פאַרקוקט אַף אַ פּינטל: „מאָרגן איז זונטיק, דעם

ריז׳ס רו־טאָג, כ׳וועל ניט דאַרפֿן זיך איילן אינדערפֿרי צו דער אַרבעט.״

— כ׳גיי, לייווי!

דער באַל

אַ זאַל. הונדערטער עלעקטרישע לעמפּלאַך. מו־זיקאַנטן: בלאָזן טרומפּייטערס זייער קויאַך און אָטעם האַרט אויס. ציען די פֿידלער זייערע אָדערן, ווי פֿאָדים פֿון די סטרונעס אַרויס און אַריין. האָבן זייערע קעפּ צו לינקער האַנט, זיך אַף אייביק פֿאַרבויגן. צושטויסט און ציטראַסעקט דער באַראַבאַנטשיק זיינע טעג, זיינע און צעטראַסקעט דער באַראַבאַנטשיק זיינע טעג, זיינע יאָרן דאַרט אויס. שלענגלען זיך, ציען זיך, בויגן זיך, דרייען זיך פֿאַרלאָך אַרום: צוויי פּיסיקער טאַנץ. גליען און בריען, צינדן און פֿינקלען די אויגן אַרויס, באַ מיינע שוועסטער. שלעפּט מיך מיין לייווי אין ראָד: „מיש זיך צוזאַמען מיט שוועסטער און ברידער, טאַנץ אויס אין פֿלאַם דיין יונג מיידלשע לייב, מיט מיר דיין בלאָנדן לייווי.״.

מיין כאַלעם

יענע נאַכט האָט מיין לייווי ניט געקענט אַוועק פֿון מיין טיר. די טאַאַווע האָט זיך ווילד באַם באַל צו־שפּילט. איך האָב אַ שטילן קרעכץ פֿון זיין האַרץ דער־הערט, ווען ער האָט די טרעפּ פֿון מיין הויז אַראָפּגע־ציילט.

אַ טויט־מידע האָב איך זיך אין בעט געלייגט. דער שלאָף האָט זיך דערפֿרייט מיט מיר און איך האָב אַ כאַלעם געזען. איך און מיין לייווי, צוויי הייליקע לייבער. מיר טרינקען אויס דעם פֿולן קוים פֿון לעבן...

פרימאָרגן האָב איך געשאָלטן די זון, וואָס האָט מיר מיין הייליקן כאַלעם צושטערט.

מיטוואָך

מיטוואָך אָוונט איז צו מיר געקומען מיין לייווי פאַרפּוצט. די האָר פון זיין פּאָנים פריש געשאָבט, מיט שמעקעדיקע וואַסער באַשפּריצט. ער האָט מיר געזאָגט: „קום אַף בראָדוויי, לאָמיר זען ווי די רייכע לעבן".

האָב איך מיט מיינע אויגן פאַרסאַרפּעט אין אַ גע־היגעם־פייער די גרויסע קראָמען פון קליידער און צירונג, וואָס דער ריז האָט פון מיין פלייש, פון מיין בלוט, פון מיין מאַרך אויסגעוועבט, אויסגעצירט.

איך האָב געשאָלטן די קנעכט, וואָס האָבן זיך פאַר דעם ריז'ס קויאָנים געבויגן, און פון שטיין און פון אייזן, פון האָלץ און פון גלאָז אַ קראָם אויסגעפאָרמט...

האָט מיך לייווי געבעטן: „קום אין אַ שפּיל־הויז, וואו דאָס לעבן ווערט אַף אַ ליילאַך געשפּילט".

ביז איך געזעסן געטוליעט אין לייווין אין פינ־סטערן זאַל. אַ לעבן האָט מען פאַר אונז אויפגעעפנט, רייכקייט, פריילאַכקייט, שיינקייט אַרום, יאַנטעוודיקע מענטשן. „זיי געהערן ניט צו אונזערע צוויי־פיסיקע, וואָס שפּייזן דעם ריז יעדען טאָג" — האָב איך מיט קינע געקוקט... האָב איך געפרעגט באַ דער פינסטערניש, אין מיין קליין, שטיל צימער, שפּעט אין דער נאַכט: „ברענט דאָך מיין לייב נאָך הייסער, ווי יענער'ס, אין שיין, רייכן זאַל?"...

זונטיק

אַ זומער־זונטיק. איך און מיין לייווי האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס איז געלעגן אַ צוקאָכטע, צופאַרעטע פון דער סאַרפּענדער זון. דורך אונטערשטאָט געסלאַך מיט

בוימער און גראָז באַזעצטע האָבן מיר זיך געטראָגן צום סטעטן־איילאַנדער וואַלד. אין וואַלד, מידע האָבן מיר זיך צעוואָרפן אויפן גראָז. עפּעס צוגעביסן, געטרונקען און זיך געשפּילט. איך האָב אַביסל געדרימלט אונטער מיין לייוויס פאַרלייענען. דער טאָג איז פאַרפלויגן אַזוי שנעל, די זון האָט זיך מיט אונז גערייצט, זיך באַהאַלטן און אַרונטערגעלאָזט זיך אונטער צווישן די בוימער. מיין לייווי האָט מיר אַרומגעכאַפּט, געקושט מיינע אויגן, שטערן און מויל. זיינע אויגן האָבן זיך ווילד צושפּילט. איך האָב צוויי שטריינגע בליקן אין אים אַריינגעשטאָכן: „לייווי, מיין ליב ברענט"... וועסטו מיר אָבער דער־נאָך ניט איבערלאָזן אין אַ ווינקל פון דער שטאָטישער פאַרוואָרפענער גאַס? וועל איך ניט מוזן פאַרקויפן מיין אויסגעלאַכטן קערפּער פאַר קליינגעלט צו שיכורים און שפּעט־נאַכטיקע גאַס־הינט?"...

מיין לייווי האָט זיינע אויגן פון מיינע אַוועקגע־בויגן און אַ שטילן „אוי" אין זיין האַרץ דערשטיקט...

אַנ'אָוונט

ס'איז מיר קאַלט, מיין לייב ציטערט. ס'איז מיר הייס, מיין לייב פיבערט. איך קנויל זיך איין, איך דריק צו מיין האַרץ לייוויס פאָרטרעט. הייס־געזאַלצענע טרערן קייקלען פון מיינע אויגן אָן אויפהער. מיין לייווי איז היינט בא איר, דער שוואַרצינקער פייגעלע'ן, זי האָט אים פון מיר אַוועקגעצויגן.

האָט דאָך לייווי געזאָגט, אַז מיינע אויגן זיינען שע־נער? געפעלט דאָך אים מיין ערנסטע בלייכקייט? — איר פאָטער איז רייך, איז פייגעלע כיינעוודיק געוואָרן...

און מאָרגן וועל איך קומען צו דער אַרבעט מיט

אראפגעלאזענע אויגן. מיינע שוועסטער אין פאבריק וועלן מיך נישט פרעגן און פארשטיין...

זיי האבן מיך געווארנט מיט א שמייכל אף די ליפן. ווען זיי פלעגן מיך מיט מיין לייווי'ן באגעגענען אין גאס.

זיין גוף

צוויי ברוינע אויגן, וואס קוקן ערגעץ ווייט, ווייט... א נאז מיט א צוגעפאסט הויקערל. איינגעפאלענע באקן. א ברייטער שטערן, וואס ציט זיך ארויף צו דעם טונקל־בלאנדן געקרייזלטן קאפ האר. אויערן, וואס האבן זיך צעוואקסן, פון ליבשאפט צו הערן פיל. זיינע ליפן באוועגן זיך געלאסן, ער רעדט שטיל אבער שארף, ווייניק און זעלטן.

זיינע אויסגעדארטע ביינער־אקסלען האבן זיך ארויפגעצויגן און אביסל איינגעבויגן זיין קאפ. זיין רעכטע האנט איז צוגעשמיט צום אכצן־פונטיקן אייזן און די לינקע העלפט מעכאניש ארויס...

באוועגט זיך יאסל איבער'ן פארקישעפטן טיש. אלע בעסטע שאען האט ער דארט פארבראכט. טעג־איין, וואכן־אויס ציילט ער די מאנאטן אין יארן מיט א קלאלע צו דער וועלט, וואס האט פון אים א מאשין אויסגעשניצט...

זיין נעשאמע

לאזט דער ריז ארויס א ברום: באפרייט די צוויי פיסיקע קנעכט. ווערט יאסל אן'אנדערער: זיינע צוויי ברוינע אויגן קומען פון ערגעץ צוריק און הויבן אן פינקלען. אויף זיינע אויסגעצווייגענע ליפן באזעצט זיך א שמייכל, א גוטער, א ליבער, א זיסער. ווענדן זיך אלע־

מענ׳ס אויגן צו אים. ענטפערט ער יעדן, פרעגט וועגן ביי־וועמן, שטיל, מיט הארץ, צארט און ליבלאך.

איז עלנטע, איינזאמע שפעט־נאכטיקע שטונ־ן, זיצט יאסל א מידער אין זיין קליינינקן צימער. שפייזט ער און זעטיקט זיין בייִנקנדן גייסט, זיין קראנקע גע־שאמע. וואס ליידעט און בלוטיקט, זוכט און נישטערט, פרעגט און פרעגט... מישט ער די בלעטלאך, ברענען זיי־נע אויגן, די שורעס דארט אוים.

אויגן קעגן אויגן

אינמיטן טאג. דער ריז האט געקאכט און געזאטן: הו־הא, קליאפ־קליאפ, דזי־דא־טו, קיל־קאל־קו... האט יאסל זיינע אויגן אויף מיר אנגעשטעלט, האב איך זיי דערפילט. א נאדל האט זיך דורכגעקייקלט איבער מיין לייב. האבן זיך מיינע אויגן אין מיין ווילן אויפגעהויבן און זיך אין יאסל׳ס געשפיגלט. א פאר מאמענטן האבן אונזערע אויגן זיך געצילט, געציטערט און געפינקלט...

יאסל האט א הויכן „אוי" ארויסגעלאזט און א קוויטש האט פון מיר ארויסגעשריגן... האבן אונזערע ברידער און שוועסטער אין פאבריק זיך געבווירערט די קעפ: ווי אזוי האט זיך יאסל אפגעברענט זיין האנט און פארוואס האט זיך סארקע דורכגעשטאכן א פינגער? . . .

א שפאציר

אן אוונט. יאסל שפאצירט מיט מיר. יאסל רעדט און מאכט מיט די הענט. עס איז ניט יענער יאסל, דער פרעסער: א פארשוין מיט אן אויסגעריבענעם, צע־קנייטשטן קאסטיום. זיין היטל מיט א פאק ציטונגען שטעקן ארוים פון רעקל־קעשענע. זיינע אויגן גליען און זיין מויל פארמאכט זיך ניט. דערציילט ער פון מענשן

און וועלטן, ברענגט ער ביישפּילן פון פעלקער און לענ־
דער. דערמאָנט ער געאָוויגים און העלדן. טײַטשט ער
מיר אויס די שלעכטע איינפירונגען און געזעצן פון דער
איצטיקער געזעלשאַפט. מאָלט ער פאַר מיר בילדער
פון אַנ׳אַנדער לעבן, פון אַ נייער וועלט. ווייזט ער מיר
זיין וועג: מיט אַלע פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע
פאַר דער מענשהייטס־באַפרייאונג.

האָב איך געטראַכט:

יאָסל איז אַ מאָדנער באָכור. ניט געשניטן פון איין
שטיק מיט מיין ספּאָרטישן ברונעט און אויסגעפּוצטן
לייווי, אַ מענטש מיט אידייען. איך בין פאַר אים ניט
בלויז מיידל — אויך מענטש.

אַ וויזיט

אומגעריכט האָט יאָסל אָנגעקלונגען אין מיין טיר.
כ׳האָב קוימאָט דערפילט, אַז דאָס איז ער. ער האָט זיך
אַנטשולדיקט: „כ׳בין געקומען, ניט פרעגנדיק אייער
דערלויבניש. כ׳האָב פיינט די שטיק. האָט איר פרייע
צייט?“ איך האָב זיך צעשמייכלט: „פאַר אייך האָב
איך צייט“. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעטל.
פאַר מיר געלייענט און דערקלערט. האָבן זיך געגאָסן
זיינע ווערטער ווי פון אַ קריסטאַלענעם קוואַל. האָבן
זיך זיינע טיפזיניקע רייד, ווי זיידנס, אויסגעפּאָלדעוועט
אין מיין מויאַך. האָט מיין האַרץ זיך צעעפנט און אַריינ־
געפילט יאָסל׳ען: דער מענטש פון אַ גרויסער נעשאָמע.
וואָס איז געפאַנגען, צוגעשמיט צו אַ פאַרקישעפטן פרעס־
טיש, וויל זיך באַפרייען און קען ניט. ראַנגלט ער זיך.
ראַנגלט ער זיך...

אַ ווינטער אָוונט

אַ ברענענדיקער פראָסט האָט מיט צאָרן געטריבן די מענטשן פון די גרויסשטאָטישע גאַסן אין די הייזער אריין.

איך מיט יאָסלען זיינען אריין אין מיין צימער. איך האָב אוועקגעשטעלט טיי און ביסקוויטן פאַר אונדז. איך האָב יאָסלען געעפנט מיינע אַלבאָמען. ער האָט געקוקט מיט אַ שמייכל: „שיינע באַכערים בא אייך אין אַלבאָם, אָבער זיי פאַרמאָגן גאָרניט כוץ שיינע קאָסטיומען און זיידענע שניפּסן. און קעדעי מע זאָל ניט ארויסזען זייערע פּוסטע געדאַנקען, שרייבן זיי אַף פאַרביק פּאַפּיר". מישנדיק די גראָבע בלעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף מיין פאָטאָגראַפיע פון דער אַלטער היים: „דאָס מיידל מיט די פעטע באַקן קוקט אויס ווי אַ מענטש, וואָס קיין זאַך אינטערעסירט איר ניט אין לעבן, בלויז עסן און שלאָפן". האָב איך ד יאָויגן אראָפּגעלאָזט און געשטאַמעלט: „אָבער דער ריז האָט אויסגעפרעסן די פעטקייט, איז געבליבן — מענטש". האָט ער זיך געכאַפּט און געוואָלט פאַרענטפערן: „ליידן — לייטערן, הייליקן".

ער פירט מיר

האָט יאָסל געעפנט פאַר מיר אַ טירל פון זיין וועלט: קאַמף, ווישנשאַפט און קונסט. בין איך פריייליך אוועק אין זיינע וועגן. זיינען פאַר מיר קלאָר געוואָרן די איינפירונגען און געזעצן פון דעם לעבן. האָבן זיך פאַרענטפערט מיינע פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע פלעגן גאַנזלענען אַ פּאָר שטונדן פון מיין שלאָף. מיינע אויגן האָבן זיך צועפנט — מיין וועלט איז ברייטער און שענער געוואָרן. האָט יאָסל געשעפט נאָכאָס פון מיר: „אַ גוטער טאַלמיד שטייט העכער פון אַ שלעכטן לערער".

אַן אָפּרו טאָג

אין יאָסל גנזעסן אַ צייט פאַרטראַכט. ס׳האָט עפּעס געקעמפּט אין אים. געדאַנקען האָבן זיך געריסן, געלאָפן אַרוים, אָבער זיינע ליפּן זיינען געווען פעסט געשלאָסן. האָט געדולד אין מיר געפּלאַצט: „וואָס טראַכסטו, יאָסל?" האָט ער זיך קוים־באַמערקנד צעציטערט, די אויגן אַרויסגעשטעלט און שטיל מיט ד ליפּן באַוועגט: „טראַכט איך פון צוויי שוואַרצע אויגן. קלער איך פון בלייך־ליבן פּאָנים, גלעט איך ציגיינער־האָר. וויל זיך וואַרעמען אין מיידלש לייב."

מיד און אָפּגעשוואַכט איז מיין קערפּער, איך דער־פיל קאַלטקייט. עלנט און איינזאַם איז מיין נעשאָמע. זי הויבט אָן צאַנקען. איך זוך אַ פריינט, אַ פריינט".

האָב איך אַ שטילן זיפץ אַראָפּגעשלונגען און טרערן האָבן זיך געשלאָגן אין די טירן פון מיינע אויגן.

יענער טאָג

זון האָט געשטאַרקט זיך. שטראַלן האָבן זיך דורכ־געריסן. אַ גאָלדענער טאָג מיט פראָסט און שניי באַ־זילבערט.

יאָסל האָט זיך געקאָסט: „האָב איך געגלויבט אין דיר. געמיינט, אַז דו ביסט מער ווי פרוי. דער אַלטער בלינדער קנעכט וועט אונדז פאַרבינדן?" האָב איך אונ־טערטעניק זיך פאַרענטפערט: „יאָסל, גלויב אַז עלנטער נעשאָמע. איך האָב פיל געליטן. מ׳האָט מיך פאַרלאָזט, פאַרשטויסן".

דער טראַמוויי האָט אונדז אויסגעשפּיגן לעבן אַ שוואַרץ־שטיינערנער מויער: „דאָס הויז פון געזעץ". אַ פּאָר מינוטן בין איך געבליבן פאַרשטאַרצט. מיין האַרץ

האט אנגעהויבן שטארקער קלאפן. איך האב יאסלען דורכגעדרונגען צום לעצטן מאל מיט מיינע אויגן און באשלאסן: „קום אהיים, יאסל. איך וויל ניט, אז זיי זאלן אונדז פארשווערצן. איך גלויב דיר, דו ביסט מיין פריינט".

אין דער רויטער ארמיי

(פון א טאג־בוך)

דינסטיק.

איך ליג אויסגעצויגן אויף דער ערד. דעם קאפ באשיצט אונטער א בערגעלע. דער סוינע שיסט איבער אונדז און מיר קנאלן איבער'ן סוינע. דער דריטער כאווער פון מיר, אין דער לאנגער קייט, האט א קרעכץ ארויסגעלאזט. ער האט זיך באגאסן מיט בלוט און זיין ביקס איז אראפגעפאלן.

„גיב איבער, איבער דער קייט, אז מ'זאל זיך צ ע ־ ש פ ר י י ט ן!" — טראגט זיך א באפעל. — „גיב איבער, איבער דער קייט, אז מע זאל זיך צ ע ש פ ר י י ־ ט ע ן!" — זאג איך מיין כאווער.

— ווי אזוי פילסטו זיך איצט? — פרעגט מיך מיין שאכן.

— איך פיל זייער שלעכט. מיר ווייזט זיך אויס, אז מ'האט אונדז, יונגע לעבנס, אפגעשניטן פון דער וועלט, אוועקגעשיקט אויף א פרייען, גרויסן פלאץ — מיר זאלן זיך איינער דעם אנדערן שיסן.

— ביסטו ניט געקומען אהער מיט א צ י ל, א א י ד ע א ל, א ק א מ ף פאר דער באפרייאונג פון ארבעטער־קלאס, פאר דער מענשהייט'ס פ ר י י ־ ה י י ט?

— יא, איך וויל זיך א ל י י ן באפרייען, אבער

עם ווילט זיך ניט קיין בלוט פארגיסן, איז ניט דעם סוי־נעם סאָלדאַט מיינער אַ ברודער?

— זיכער, נאָר אויב ער איז פ י נ ס ט ע ר און פאַרשטייט אונדז ניט, דאַמאָלט קומט אים ט ו י ט, וועט קומען דער צווייטער דויר און אונדז פאַרשטיין!

„גיב איבער, איבער דער קייט, מ'זאָל זיך גרייטן אין אַ נ ג ר י י ף!" — טראָגט זיך דער באַפעל.

„גיב איבער, איבער דער קייט, מ'זאָל זיך גרייטן אין אַ נ ג ר י י ף!" — זאָג איך מיין שאָכן.

— מיר ווען באַזיגן! — איז מיין כאַווער זיכער.

— וועמען?

— דעם סוינע! זאָל זיין מיין ב ר ו ד ע ר, זאָל זיין מיין פ אַ ט ע ר, אויב ער איז אין די רייען אַ נ ט־ק ע ג ן ד ע ר פ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר ר ע װ ו אָ־ל ו צ י ע — איז ער מיין סוינע!

— האָסטו וועמען אין דיין הויז געלאָזט? — פרעג איך מיין כאַווער.

— אַ פרוי מיט צוויי קינדער.

— און ביסט אַוועק אין קאַמף?

— איך קעמף דאָך פאַר זיי, פאַר אַ בעסער, פרייער לעבן, פאַר זייער צ ו ק ו נ פ ט!

„גיב איבער, איבער דער קייט, א י ן אַנגרייף!"

מיטוואָך.

מיר זיינען היינט אין רעזערוו. איך ליג אויף גראָז, אָנגעשפאַרט אָן אַ בוים און טראַכט פון מיין געליב־טער. איך קוק אויפ'ן בוים און פאַרגלייך: איצט איז פרילינג, דער בוים בליט, — מיין קאַלע איז יונג, זי בליט, ס'איז איר פרילינג, אָבער איך בין ניט מיט איר. זי גייט אַרום מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, ווי דער צווייג, ווען ער

ביינקט נאָך אַ ווינטעלע, אַ רעגנדל. די האָר צעפּלאָכטן, צעשויבערט, ניט געוואַשן. זי ביינקט, איך פיל, ווייל איך ביינק אויך. אַזוי פיל כּאַוויירים אַרום מיר, דאָך, דאַכט מיר, איך בין אַזוי עלנט אין די מאָמענטן, ווען איך ביינק:

צווישן טאָג און נאַכט בין איך פאַרטראָגן אַ ה י ז, צום ברעג פון טייך, איך בין מיט איר, מיט מיין געליבטער. איך שפּאַר צו מיין קאָפּ צו אירע ברוסטן. זי פלעכט מיינע געדיכטע האָר און פרעגט מיך נאַאיווע פראַגן. איך ענטפער איר ליבלאָך און גיב איר אַ קוש דערצו. זי שמייכלט און קוקט מיר אין די אויגן. מיר נעמען אַ שיפל, איך שיף אין האַלבן טייך אַריין, איך לאָז אָפּ די רידער, נעם זי אַרום און זינג פאַר איר: „עס שווימט אַ שיפעלע, עס שווימט אַ שיפעלע...“

— אָט אַזוי, כּאַווער, זייט פריילאָך, מונטער, וועלן מיר באַקעמפן!

— האַ... איך ליג אין פעלד, אַנגעשפּאַרט צום צוים, און זי ביים ברעג קוקט אין טייך, שפּיגלט זיך אין וואַסער, זוכט אַן ענטפער!...

אַ באַפעל:

„זייט גרייט!“

פּרייטיק.

איך בין איצט געקומען פון אַ „ראַזוועדקע“. מיר זיינען געגאַנגען איין און צוואַנציק שטונדן זוכן דעם סוינע און מיר האָבן אים ניט געפונען... שיין איז געווען, ווען מיר האָבן זיך אין צווייטן דאָרף אַריינגעלאָזט: מיר האָבן פון דער ווייטנס אַ פייער־פּינטעלע דערזען. מיט דער זייט, ביי די ווענט, האָבן מיר זיך גערוקט, זיך דערנאָענט צום פייער־פּינטעלע. אַז מיר זיינען געקומען

נעבן די ווענט אַנטקעגן, האָבן מיר אַ מענטשל דערקענט, ער איז זיך געגאַנגען, געריכערט און אַן אוקראַיניש לידל געפּייפט:

— „שטיי אויפן אָרט!“ — האָבן מיר אָנגעשטעלט די ביקסן. ער איז געבליבן — טויט.

— ווי אַזוי רופט מען דיך?

— א י וו אַ ן ק אַ נ אַ ו ו.

— פון וואַנען?

— מ י כ אַ י ל אָ ו ו ק ע.

— וואוהין גייסטו איצט?

— איך גיי אַרום אַ גאַנצע נאַכט, איך קען ניט שלאָפן.

— פאַרוואָס?

— מיין פאַטערלאַנד ברענט, מיינע ברידער האָבן זיך צעקריגט. זיי שלאָגן זיך, מ׳ ש י ס ט אַלע נעכט. — איך קען ניט שלאָפן.

פאַרוואָס העלפסטו ניט אַרויסטרייבן דעם סוינע?

— איך ווייס ניט וו ו ע ר עס איז דער סוינע: קומט ד ע נ י ק י ן, זאָגט ער, ע ר וויל מיך באַפרייען; קומט פּ ע ט ל י ו ר אַ, זאָגט ער. ער וויל אונדז אָפּטיילן פון ק אַ צ אַ פּ; קומען די ב אָ ל ש ע־ וו י ק ע ס, ווערט דאַווקע אַביסל פרייליכער, מ׳שפּילט, מ׳זינגט. מ׳גיט אונדז צייטונגען. כאָטש איך קען ניט לייענען. אָבער זיי ווילן ברויט פאַר פּאַפּירלאַך, וועלכע וואַלגערן זיך ביי מיר אין זעק...

— געווג. האָסטו באַגעגנט וועמען אין וועג?

— קיינעם. ס׳איז פּוסט. מ׳האָט מורא.

— פון וואַנען הערסטו שיסן?

— פון רעכטן זייט.

שאבעס.

„נאך אביסל מוט און מיר האבן באזיגט!"

— אזוי האט מען אונז באגלייט מיט פייערדיקע רעדעס. די מוזיק האט געשפילט און מיר האבן געהילכט: „עטא יעסט פאסליעדני אי רעשיטעלני באי..."

און מיר האבן זיך געלאזט אין שלאכט אריין. אויפ'ן וועג האבן מיר באגעגנט פארוואונדעטע און פארשמאכטע. זיי האבן אונז אויסגעלאכט און אוועקגעמאכט מיט די הענט, דאך האבן מיר העכער געהויבן אונזערע שטימען און געגאנגען שטאלץ!

דריי שטונדן בלויז האט געדויערט די שלאכט און מיר זיינען אנטלאפן, ווייל אונזער קאמאנדיר, א געוועזענער ניקאלאיעווער פאלקאווניק, האט אונז פארקויפט און איז אנטלאפן צום סוינע.

מוטלאז האבן מיר זיך געשלעפט צום וואגאן, אויסציענדיק זיך אויף די ברעטער און ווארטן די באן זאל זיך שוין רירן.

— הע, כאווער, וואס האסטו אראפגעלאזט די נאז?

— האט זיך געווענדט צו מיר א מאטראס — קום, וועלן מיר מיטנעמען ברויט אויפ'ן וועג.

— איך וועל ניט עסן סיי־ווי־סיי, איך קען ניט איצט.

ער איז אוועק און באלד געקומען מיט צוויי ברויטן און אזוי ווי ער האט געוואלט ארייַנשפרינגען אין וואגאן, האט זיך א קויל דורכגעשניטן מיט א פייף און דעם מאטראס' רעכטע האנט האט זיך אראפגעלאזט און די ברויט זיינען ארויסגעפאלן און ער האט אוממעכטיק א „אוי" ארויסגעלאזט. איך האב אים אריינגענומען אין וואגאן, געהאלפן ארומבינדן און דערביי אים געשטראפט.

— א, דו נארישער באכור, מיר האבן די שלאכט פארלוירן, און דיר גלוסט זיך נאך ב ר ו י ט ?...

מ׳האָט צו אונז אַריינגעבראַכט דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר, וועלכער איז געשעדיקט געוואָרן:

— וואָס איז מיט אייך, כאַווער פּאָליטקאָם?

ער האָט בלויז געגלאָצט מיט די אויגן, נאָר מיט קיין אַנדער אייוועגונג נישט גערירט. איך האָב אים געגעבן אַ טרונק פון מיין פּלעשל וואַסער. ער האָט געטרונקען און מיר געדאַנקט מיט די אויגן.

מאַנטיק.

פון דערווייטנס האָבן זיך דערהערט שיסערייען, ס׳האָט אָנגעזאָגט, אַז דער סוינע איז נאָענט. אונזער באַז האָט געוואָרט, פּיליכט וועט מען מוזן פאַרלאָזן די שטאָט. וועלן מיר מיטנעמען מיט זיך נאָך סאָלדאַטן.

אַ אידישע מיידל איז צוגעקומען און זיך געבעטן געבן אַ פּלאַץ: — „איר ווייסט דאָך, וואָס דער סוינע טוט מיט אַ י ד י ש ע מיידלאָך. איך וועל שטיין דעם גאַנצן וועג, לאָזט מיך אַריין.“

איך האָב איר אַ פּלאַץ געמאַכט און אַליין געשטאַנען אויף די טרעפּ. דערביי האָב איך געטראַכט פון מיין געליבטער — זי איז דאָך אויך אַ אידישע טאָכטער.

כאַווײרים לויפן צעראַשט און צעטומלט. איך נעם די ביקס אין האַנט און פאַרבאַהאַלט מיין ביכל...

פריינט

אפן גאַס האָבן שטורם און פראָסט געמאַכט שאַלעם: צונויפגעזאַמלט אַלע ווייסע ווינטן און שנייען און ווי אַ מאַכנע הונגעריקע וועלף, געוואָיעט און געראַיעט אַרום פענסטער און טירן.

אין מערי׳ס צימער איז אָבער געווען וואַרם און יאָנטעוודיק; ראָזע מאַלאָכים האָבן געשוועבט אַף די ווענט

און מיט זייערע פליגלען צושפרייט שמייכל אף איר ליפּן. באַרוד איז געזעסן פאַרטראַכט.

מערי האָט געשיקט אירע בליקן צו אים. שוואַרצע אויגן האָבן אַרומגעוואַנדערט אין זיין פאַרבאַרגענעם האַרץ, געזוכט, גענישטערט, געוואָלט דערזען סוידעס.

זיין האַרץ איז אָבער ברייט און ברויזנד געווען און פאַר שרעק צו פאַרבלאָנדזשן, האָט זי אירע בליצן צו זיך געצויגן און פאַר אים זיי צושפּיגלט.

באַרעד האָט אַ שמייכל אַרויסגעצויגן.

מערי האָט עס פאַרשטאַנען און דורך אַ בייזן ביס אין אויבערשטער ליפּ, האָט זיך אַ פאַרקרעמפּעוועטער זיפץ דורכאַרויסגעריסן.

— דערציייל עפּעס — האָט זיך מערי געבעטן — אונטער די ווערטער האָט אָבער געקלונגען: נעם מיך אַרום, ליבער, צוגלי מיינע ליפּן, צינד אָן מיינע באַקן, נאַ, נאַ...

באַרעד האָט פאַררויכערט.

— וואָס דערציילן? — האָט ער צושיקט זיינע געדאַנקען רייטנדיק אַף וואָלקנס רויך; וועלנדיק זיך באַפרייען, פאַרגעסן אָן נעכטן, נעכטנס...

— שוין דריי וואָכן, באַרעד! — האָט מערי זיך פאַרטיפט. ווייסט ער וויפיל שאָען זי האָט אים געווידמעט, פילט ער אירע ליידן, קען ער ציילן אירע טרערן?

באַרעד האָט געגראָבן מיט די פינגער זיין בלאָנדן קאָפּ האָר. זיך געשפּיגלט אין די וואָלקנדלאַך רויך, האָט ער זיך דערזען, זיין נעשאָמע: עס צוקריכט זיך, עס צושווינט...

— דו ווייסט דאָך פאַרנומען, ניט געקענט קומען — האָט זיך באָרעך נאָך אַלץ געראַנגלט.

— ניט געקענט און ניט געוואָלט! — האָט מערי מיט זיין טאָן פאַרענדיקט דעם זאַץ.

— ניט געוואָלט איז אויך ניט געקענט: אַ מענטש קען טאָן נאָר דאָס, וואָס זיין ווילן הייסט אים.

מערי האָט צוגעמאַכט אירע אויגן, אַפּגעבענדיק זיך אַ דינוועכעשבן, וואָס ליבט זי אין אים: זיין פיגור איז גאַרנישט פאַרשטעלנד, זיין געזיכט, געוויינטלאָך, ניט שיין, ניט מיעס, אָבער אין אים געפינט זיך אַ קוואַל און אַ וואולקאַן, אַ מאַלער און אַ גאַזלען:

— באָרעך! איז דען שוין אויסגעלאָשן אין מיר דאָס, וואָס דו האָסט אַזוי הייס געליבט צוריק מיט אַ יאָר, מיט צוויי? זיינען אירע אויגן ברענענדער, איז איך לייב פייערדיקער? פאַרוואָס לאָזטו מיך אַזוי פיל נעכט ניט שלאָפן, טרערן, טרערן אָן אַ צאָל! דיין געוויסן איז פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלאָך.

— באַרואיק זיך, קינד, פאַרשטיי מיין נעשאָמע. ס'איז ניט מיין שולד, דווירעס, דווירעס לאַנג האָט זיך געקייטלט און געקייקלט אַ פאָלקס נעשאָמע, אַ האַריץ, וואָס האָט געליטן פאַר אַ פאָלק, האָבן פאָלקס הערשער דעם נאָווי'ס קאָפּ אַראָפּגעהאַקט און זיין גייסט אַף דער צווייטער וועלט אַרויפגעטריבן. די טויערן פון יענער וועלט זיינען געווען פאַרשפאַרט פאַר דעם נאָווי'ס נעשאָמע, פאַר דער צייט לאָזט מען ניט אַריין — האָט זי אַזוי זיך געוואַלגערט, מיט פיל אַנדערע פאַרצייטיק געקומענע, אַף די שטעגן און וועגן פון דער וועלט און יענער... און ווען מיין נעשאָמע האָט זיך געלאָזט אין מיין קערפּערל אַריין, האָבן זיי זיך אין מיר אַנגעטשעפּעט...

אבער פארגעס זיך, היינטיקע נאכט געהער איך צו דיר. טרינק זיך אן פון מיין נעשאמע־קוואל, וועט אייביק אף דיין פאנים רוען דער אפשיין פון מיין שכינע.

— איך דערפיל דיך, בארעך, דערפאר וויל איך אויך אריין אין דיין הארץ, אין דיין נעשאמע, צוזאמען מיט דיר זיך טראגן אין יענע שיינע פארבארגענע וועלטן.

— און ווען דו וועסט ליידן, מיין נאמען צווישן דיינע ליפן שעפטשען, זאלסטו וויסן, אז מיין הארץ איז מיט דיר.

— כ'וויים, טיירער, אז נעכטן באנאכט ביסטו נע־פלאכטן געליגן מיט איר און אויך איר דיינע שיינע ווער־טער אריינגעפלאכטן, אבער פארוואס פארגיב איך דיר אלץ, ווייסטו עפשער דעם סויד פון דער קראפט, וואס זאל מיך אין א פיינט קענען דיר איבערשאפן?

— ניין, טייערע, בין איך אף ווינטן געפלויגן איבער לענדער און וועלטן, געזוכט האב איך א סוינע קענן מיר און געפונען האב איך נישטיקע, פאסקודנע פריינט.

וואַידי'ס ליולקע

הערי האט פאמעלאך אפגעהויבן דאס ערשטע בלעטל פון קאלענדאר, ער האט עס געהאלטן אין זיינע פינגער און עס באבליצט מיט זיינע בליקן. ער האט געוואלט אז דער טאג זאל זיך ציען און ציען. זיין האנט פלעגט אבער לאכן פון סייכל: איז געליגן די רויטע איינס א טויטע און די צוויי א נאקעטע, איז געהאנגען גרייט די פיר און צוואנציק שטונדן צייל׳ן.

„דאס דרייצנטע יאר!" — האט זיך א נייע געדאנ־קען־וועלט אריינגעריסן אין געוועב פון זיגזאגישע פלאנ־טערס אין זיין מויאך.

אין אפים, בא סכירעס ארויסצאלן, האט מען אים גערופן הערי ליידנבערג, אנ'איינגעשפארטער דייטש, זיין נאמען ניט געוואלט פארקורצן, אבער כעוורע פון קנעפל־פאך, מאטאר־לייט און ניקל־קלינגערס, האבן אים גע־קרוינט מיט'ן נאמען פון זיינע ליבטיק בלאנדע האר. „וואידי".

זיין אכצניעריקע לוסי האט אים געלאשטשעט מיט „פאפא־דיר".

זיין וועלט האט מער פון פיר און פערציק נעמען פון גאסן און עוועניוס ניט געוואוסט. באם אנהויב און ענ־דע פון זיין טור האט ער זיין ליולקע טיף פארצויגן, אנ־געפרעסן זיך מיט רויך און שטיקלאך טאבאק ס'זאל קלעקן צו מאלאגיירען א גאנצן וועג, שפייז פאר אלע דריי־פיר גאסן, פאר'ן טיר פארהאקן, א ראז־געלע פליאכע צוכראקען: „פאסקודנע מאדנע מענטשן זיינען דאס די פאסאזשירן," פלעגט ער קלינגען האסטיק, צולאזן די קאר די קישקעס זאל עס זיי פארדרייען, זאל מען עס אמאל א קוק טאן אף אים, א פרעג טאן וועגן זיין פאמיליע. א גליק וואס פאליסלייט און פייערהעלדן, די אומזיסטע פארער, כאפן א ווארט מיט אים, אבער מער ווי „א נאיס דעי" קענען זיי קימאט ניט ארויסלאזן פון זייער מויל, צום טייוול!"

הערי נעמט ארויס דאס בריוול, וואס איז פארגעלט און צוריסן שוין געווארן, לייענט עס ווי דאס ערשטע מאל:

„טייערער הערי!

„פאר די קארגע זיבן יאר, וואס מיר לעבן צוזאמען „האב איך אונטערגעדריקט מיינע געפילן. כ'האב גע־„גלויבט, אז כ'וועל זיך צוגעוואוינען, עפשער, עפשער,

„אבער מער קען איך ניט. איך לאז דיר אונדזער זעקס־
„יעריקע לוסי'ן, כאטש מיר איז שווער, זאל זי זיין א
„טרייסט.

„אנטשולדיק דיין פריינט,

ה ע ל ע נ א.״

ווערן עפעס די בוכשטאבן אין שפיזן מעגולגל און שטעכן און לעבערן זיין לייב. פארט ארום א טויזנט־נאדלדיקער שוידער איבער זיין קערפער. ווערט אים קאלט און היים, און ביטער־טרער און זאלצנ־שווייס שפילן זיך אין ליבע. שטאפט ער אן זיין שווארצביין ליולקע, ציט זיך אויס אף דער קאנאפע, רייבט מיט צארן אן א שוועבעלע, צינדט געלאסן אן דעם טאבאק און הייבט די בליקן זיינע אף די קייקלען רויך, וואס טראגן זיך ארויף: „אשיקע וואלקנס, טראגט אייך ניט אזוי שנעל, צוקריכט ניט, איר קאסט מיך לעבנסיארן. טייערע רע־דעלאך, כאראשים, וואכן גאנצע מיט אייך אוועקגעלאזט, טויזנטיעריקע נאכט מיט אייך פארבראכט. פלאנען, פאנטאזיעס אף אייך געבויט און געהאפט און מיט אייך בלויז און ראך געבליבן. איר האט שוין מיינע האר מיט אייער פארב קאלירט, איר צוגייט זיך אין פארשידענע וועגן, איר פארשווינדט?״ ליגט זיך וואידי שטיל, איינזאם, טיינעט זיך אויס מיט די ווענט, מיט'ן מעבל און מיט'ן רויך פון זיין ליולקע ביז די געדאנקען צעהאר־געגען זיך איינער מיט'ן צווייטן, פארמאכן זיך אים די אויגן און ס'קוקט אויס ווי ער שלאפט איין.

עפנט זיך פאמעלאך די טיר און העלענא רוקט זיך אריין שטיל אין צימער. מיט אראפגעלאזענע אויגן ציילט זי אירע טריט צו זיין בעטל, קניט פאר אים, שליסט די הענט און ברעכט די פינגער און וויינט: „טייי־

ערער, נעם דיין פריינט צוריק. נאכדעם ווי כ'האב דיך פארלאזט, האט מיין הארץ דערפילט דיין ליבע, אנט־שולדיק דיין העלענא'ן".

לוסי ליגט אף איר בעטל און טראכט נאך איבער די לעצטע ווערטער פון איר געליבטן: „מיינט ער עס טאקע וואס ער זאגט?" טראכט פון איר פאטער, וואס וועט זיין מיט אים ווען זי וועט כאפונע האבן און קוקט אף איר מאמע'ס בילד, וואס שטייט פארנעפלט ערגעץ ווייט אף א הויכן בארג.

„גיי, גיי פון דאנען!" — רייסט זיך ארויס א פאר־שטיקט קויל פון הערי'ס מויל, מיט א זידנדיקער כראַ־פעריי, ווי מע וואלט א וואגן הינער מיט אמאל דער־קוועטשט. לוסי דערשרעקט זיך, אזש די ציינער הויבן אן טאנצן אין איר מויל, כאפט זי זיך אראפ פון בעטל און לויפט צו צום פאטער: „פאפא דיר, פאפא דיר". וועקט זי אים מיט טרערן. ער כאפט זיך אויף א ווילדער, דערשראקענער, דערפילט דער טאכטער'ס הענט אין זיינע, גלעט ער זיי, קושט איר שטערן און בארואיקט זי: „ס'איז גארניט, קינדעלע, פוסטע כאלוימעס וועבן זיך אויס פון רויך פון מיין ליולקע, זאמלען זיך אן אונטער'ן הארצן און זידן, זידן... גיב די ליולקע, קינדעלע, וועלן מיר פארברייינגען א פאר שטונדן מיט'ן רויך און זיך שפיג־לען אין פייערל, וואס שלאפט איין און וואכט אויף לויט מיין ווילן".

גליק צושטערער

שטעטל.

שטוב־צו־שטוב געבויגן.

אין ווינקל האבן זיי זיך באקאנט. ביז זיבן יאר אין זאמד, מיט שטריק און אין כאפעניש געשפילט. ביז

פופצן אין שול געלערנט, צוזאמען דאס, פון לערער פאר־
געבענע, פלייסיק צוגעגרייט און פון פופצן יאר הויבן
אויגן אן צו פינקלען, הערצער קלאפן, באקן פלאמען.
מע בייסט א נאגל צווישן די ציין, מען לאזט אראפ דעם
קאפ פארשעמט און טראכטן —

מ ציטערט א ליבע.

עלטערן שטימען צו מיט פרייד און שושקען זיך
מיט נאכעם אונטער זייערע אויגן.

מילכאמע. רעוואלוציע.

מע פארלאזט דאס לאנד פון בלוט און שוידערליכע
געשעענישן און מע קומט אין גאלדנלאנד. אייגענע
און לאנדסלייט טוען טויוועס זוכן ארבעט פאר איזי
דארקין. און נאכדעם, ווי די אונטערערדישע און איבער־
דעבער־פליענדע טייוואלים צושליידערן איזי'ן איבער אלע
עקן פון דעם קאביקן געיהינעם, וואס מע רופט ניו יארק,
בלייבט איזי אן העמדער פרעסער.

און כאטש —

די פארע פון צווישן אונטעראייזן און פייכטן אוי־
בער־העמד האט אים געזעצט אין פאנים און זיך צע־
קראכן אין די אויגן און אין די נאזלעכער; דער דומפ־
פער גאז פון פייער־אייוועלע האט אים געשטיקט און זיין
קאפ פארטשאדעט; דער רעכטער אקסלביין האט זיך צע־
ציטערט און געוויטיקט ביי יעדן שווערן פרעס — האט
ער, אהיימקומענדיק, זיך געמאכט פארגעסן, ארויסגע־
צויגן א שמייכל או געזקושט זיין פרוי און קינד.

מיריאם האט אלעס צוגעגרייט אין צייט, אין פלאץ.
יעדע זאך באפוצט, באשיינט, אף וויפיל ס'האט זיך נאר
דערלויבט. קליידעלאך און אייזעלאך פאר ראזאלי'ן

גענייט. איז דאך געבליבן פרייע שטונדן, פאר'ן הויז מיט'ן קינד און וויג צו שטיין און פארק־שפאציר.

און אז מע קוקט אף גרינע גראז און בוימער, און אז מע שפיגלט זיך אין פארק־טייכל, און אז מע קלעטערט אף א בערגל און מע רוט אף פעלזנשטיין, און די אויוונ־בלויקייט ציט זיך ווי כאלוימעס —

הויבט אן יונגהאריץ צו טיקטאקן שטארקער, ברוסטן הוידן זיך, ווינטלאך בלאזן אין דעם קאפ האר, גלעטן קיל די באקן. פארטראכט זיך מיריאם, פארקוקט זיך טיף אין איר פארגאנגענהייט, בייגקט, בייגקט און איר נעשאמע וויינט...

בלאנדזשעט וואו ארום אנ'האריץ פארוואגלט, ערגעץ א נעשאמע עלנט טרויערט, וואנדערט זיך א באכור מיט א ביכל, טרוימט ער פון דער לופט ארוים כאלוימעס, טיי־נעט ער צו זיך מיט די געדאנקען און זוכט א טשוואווע אין די קישעף שורעס. לאזט א טרער אראפ זיך פון די אויגן, נאסט דער טרער א פייכטן סימען אפן בלעטל, קלאפט גיך זיין האריץ און בייגקט, בייגקט און זיין נע־שאמע זוכט א טיקון.

טראגט א פרילינג ווינטל זיך, א ליבם, שושקעט עם אריין זיסע סוידעס, ציט עם יונגע הערצער, ווי בלינדע ביי די אויערן, עפנט זייערע מיילעכלאך, צושמייכלט זיי, לאזט זיי איבער אין א ווינקל און לאזט זיך ווייטער דערפילן דאם שליכעס.

רייסן מענטשן זונען־בלעטלאך פון לעבנס־קאלענ־דאר און לעוואנעס לויפן, לויפן.

האבן מענטשן ווייכע צונגען און זעען בלויז דאס שלעכטע ביי א צווייטן. קומען זיי צו איזי'ן ביי דער

ארבעט און אין גאס זן גרילצן אין די אויערן: „דיין ווייב, דיין ווייב"...

ווערט ביי איזי'ן אונרואיג אין קאפ, זוכט ער עפעס אין די פארע וואלקנס, בייט ער האסטיקער די אייזנס, זידן זיי מיט קאאס אין עמער־וואסער, קוועטשט ער שווערער צו די העמדער, אט ווערט ער צוגעוואקסן צו דעם פרעס־טיש, און דער רעכטער אקסלביין ציטערט ווייטיקט, רוקט זיך ארויס, ווערט העכער פונ'ם לינקן.

און איזי איז דער רעכטן אקסלביין מאפקער, זאל ער וואקסן, אלצאיינס, סיי־ווי־סיי קומט ער אין זיין הויז א מידער, א צעבראכענער, קען ער מער קיין שמייכל שוין ניט ווייזן, קוקט ער מיט טיף פארטראכטע אויגן אף זיין ווייבל, שיינקט א פאר ראכמאנעס בליקן זיין ליב מיידעלא, עסט אפ פרעמדלאך און שווייגט, שווייגט.

ציטערן די טעלערלאך אין אירע הענט, מעסער־גאפל קלינגען, באהאלטן זיך מיריאמ'ס אויגן פון זיינע שטריינגע בליקן.

פלאצט א גאל, ווערט ביטער אפ'ן הארץ, הויבט עס אן מיט בלוט צו שפייען: — מיריאם, דו ביסט פאלש צו מיר, א צווייטער האט דיין הארץ פארנומען.

צינדט זיך מיריאם אן, בייסט מיט פערל־ציין די ליפן, קנאקט די פינגער־ביינדלאך מיט אויפרעגונג און שלוכצט ארויס:

— דו, דו, דו ביסט א, דו ביסט אן הויקער! און באגראבט זיך אין די בעט־קישן און די אקסלען ציטערן, ציטערן.

שטעלט ער זיך אוועק ביים גרויסן שפיגל, פרואוט אויסגלייכן זיינע אקסלען, אומזיסט זיין מי, לאזט ער

זיך אַראָפּ אָף אַ שטול, באַהאַלט זיין פּאָנים ין די הענט. די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין טיש און וויינט. שווייגנ־דיק, וויינט.

אַ מאָרד

כראַק איז אַריין אין זיין צימערל ווילד און אויפגע־בראַכט. ער האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר און אָנגע־שטעלט ביין זיינע אויגן קעגן זיין פּאָטאָגראַפיע. ער האָט באַקוקט און באַטאַפּט זיין היטל פון אַלע זייטן און מיט רציכע דאָס געוואָרפן אויף זיין פּאָרטרעט: דאָס גלאָז האָט אַ קוויטש געגעבן און זיך מיט אַ זיפץ צולעגט אין פּיצלאַך אויף זיין בעטל; ער האָט מיט קאַאָס צוריבן אַ „צום טייוול" צווישן די ציין און אַ הונגעריקער און פאַרמאַטערטער האָט ער זיין קאָפּ אין די הענט באַהאַלטן.

כראַק איז אַן עלטערער באָכור (עס הייסט אַ מאַן, וואָס וואוניט ניט מיט קיין פרוי אַ גאַנץ לעבן אָדער אַ שטיק צייט אונטער איין דאַך). וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט קאַלט'ס און וואַרעמ'ס, געווען רייך און אָרעם, געזונט און קראַנק ון דאַך — ווי ס'ניט איז אַ לעבן געמאַכט. גע־לעבט: דער לעצטער סקאַנדאַל האָט אים אָבער אינ־גאַנצן אוועקגעהאַרגעט: זיך אַרומגעטראָגן מיט ווייטאָק. דאָקטוירים מיט רעצעפּטן האָבן אויסגעצאַפּט יעדן דאַ־לאַר, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ער האָט אויסגענוצט אַלע זיינע נאָענטע און ווייטע פריינט און זיך פאַרשולדיקט ביז'ן האַלדז אַריין — און די בושע האָט אים פאַר־שוואַרצט דאָס פּאָנים און גענאָגט ביים האַרץ... דאַך האָט ער זיך געהאַלטןהעכער פון יענע.

געזונט ווערנדיק האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַרבעט, געזוכט אַ וואָך, צוויי, צען און ניט געפונען, ניטאָ פאַר

אים, ניטאַ. דער טייוול האָט אים געדרייצט און ציבײ־ זערט, אים אויסגעלאַכט ביי די אַרומיקע מענטשן און געוועבט פאַר אים אַ ווילדן געדאַנק: זעלבסטמאָרד!

ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מען האָט אים אַוועקגעוואָרפן, און פּלוצלינג איז ער געבליבן אַליין אָן אַ פריינט, באַקאַנטע און כאַווײרים.

דורכ'ן פענסטערל פון זיין צימערל האָט ער געזען די וועלט: מען לעבט, מען לויפט, ס'טוט זיך, ס'אַרבעט זיך, און נאָר ע ר איז עלנט, פאַרלאָזן און הונגעריק.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל, וועלנדיק רע־ פּעטירן איבער זיך, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן בעטל און גלאַצנדיק אויפ'ן גאַז־קנויטל, האָט ער זיך פאַר־ טראַכט.

פון צווישן די ראַאַשן און קלינגען פון אויטאָמאָ־ בילן און קאַרס האָט זיך דערטראָגן פון דער גאַס אין זיין צימערל אַ הייזעריק קאָל: „באָאום קעש", „באָאום אַלד קלאָז".

די קראַפט פון דער שטים האָט אים אויפגעהויבן פון זיין בעטל: ער האָט אַרומגעפירט זיינע אויגן איבער זיינע זאַכן, צעוואָרפענע און צעהאַנגענע, געעפנט מיט קאַאַס דאָס פענסטער און מיט אַ „טסס" אַרויפגערופן דעם אידן.

דער איד האָט אַ שמייכל געגעבן און אַ פרייד האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן: נאָר אַריינקומענדיק אין צימערל, האָט ער אַ שמעק געטאָן מיט דער נאָז און פאַר־ קרימט דאָס פּאָנים:

— ווייזט אייערע שמאַטעס, יונגערמאַן.

בראַק איז רויט און ווילדער געוואָרן און אַראָפּ־ שלעפּנדיק זיין נייעם מאַנטל, האָט ער דעם אידן אַ שליי־ דער געטאָן:

— וואס האט דער ווערט ביי אייך אזא שמאטע?

דער איד איז ביי זיך נים אראפגעפאלן, באטראכט, געדרייט אף אלע זייטן און ווען ער האט עס באטאפט, האט ער ווי פון דער נאז ארויסגעברומט:

— פוילע כעוורע, היינטיקע צייטן, מען וויל נים ארבעטן, א?

כראק האט זיך איינגאנצן פארלארן. האט אנגעהויבן צו ציטערן און אפציענדיק זיך אף צוריק, האט ער זיך אפן אלטען ארויפגעווארפן...

און אז דער ריכטער האט אים געשטעלט די פראגע:

— וואס האט אייך געבראכט דערצו, איר זאלט מארדן אן אלטן, אומשולדיקן מענטשן?

האט כראק רואיק געענטפערט:

— די וועלט...

א ראזעווע שפיי

צען יאר אין לאגר.

ווי אן אייביקייט האט זיך דורכגעצויגן פאר זיינע האלב־פארכאלמטע אויגן. פון וואלינער שטעטל האט ער געזונטע הענט און שטארקע פים געבראכט, און די שיף האט אים מיט א בריימן שמייכל אויסגעשפיגן.

האט ער זיין קאפ געריסן צו די הימל־קראצערס, זיך געוואונדערט און באגערט... האבן אייגענע געגעבן צוויי־דריי שמייכלען און אים אוועקגעשיקט אין שאפ אריין. האט אים די ניי־מאשין באגעגנט מיט פאראדנעקלאפ, געקייקלט זיך פאר סימכע: שוין לאנג געווארט פאר א געזונטן קנעכט.

איז געזעסן דארט אן אלטער מיט קירכע, געקראצט זיך אונטער אעבן רעכטן אויער און געבלאזן וואלקנס

רויך. איז דער מאַשין דאָס הוסטן נימעס שוין געוואָרן, האָט זי דעם אַלטן אָנגעכאַפּט באַם קאָלנער און מיט דער קני אַרויסגעשליידערט פון פאַבריק.

האָט זיך מ אַ ק ס געזונגען אַ היים־לידל, גע־טריבן דעם מאַשין ווי אַ ווילדער טייוול; האָבן זיך דער־פרייט געניטע יאַגערס און צולאָזט זיך אין לויפעריי־געטומל.

איז דער טייוול היימישער געוואָרן, האָט פאַר־שטילט, פאַרטרויערט מאַקס' לידעלאַך; צוגעצויגן, צו־געקוועטשט די פיס; אַרומגעהאַלדזט זיך אין אַ רעדל מיט די הענט; אויסגעקושט די רויטע ליפּן; אָפּגעלעקט די פאַרב פון די באַקן און אַריינגעשטופּט זיינע שוואַרצע אויגן.

עלנט לעבן: וואַגלט ער פון פרעמד־צו־פרעמד־הויז, זוכט אַן אָפּרו, אַ וואַרעם האַרץ, אַ פרוי'ס אַ לייב...

ווייזט אונז מאַקס אַ גרגיסן שטערן, אַ שוואַרץ־גע־קרייזלטן קאָפּ־האָר און טראָגט אַרום זיך מיט אַ צייטונג־ביכל. טראַכט ער, דיינקט ער, איז ער ערנסט: וויל ער שקלאַפּן ניט באַשאַפן, מאַכן זיך צום נאַר...

שווייגט ער. שווער אַ וואָרט ביי אים באַקומען; קאָרגט ער איין די האַלבע שמייכלען; בייסט און גרי־זשעט זיך אַ נאָגל; קנייפּט און רייבט זיך אין דער מאָרדע און דער שטערן קנייטשט זיך, קנייטשט זיך...

רייסן מענטשן זונען־בלעטלאַך פון לעבנ'ס־קאַלענ־דאַר און לעוואָנעס לויפן, לויפן...

קומט נאַכט:

ליגט ער אין זיין בעטל, שניידט מיט שאַרפע בליקן אין דער פינסטערניש; טרינקט זיך אין זיינע דאַלעד אַמעס; טרייבט די שוואַרצע, גראָבע כוואַליעס, שטרעקט

די הענט אויס, בעט אַ רעטונג, קריצט אוים אין זיין געדאנק אַ צייכן: וואָס?...

בייטן שוואַרצע וועלן זיך אין געדיכטע וואָלקנס;
ציען זיך און דרייען זיך פאַר זיינע אויגן: קומען בעזים־בערד און גראָבע נעזער, רייצן זיך מיט אָקסן־צונגען.
לאַכן זיי פון אים מיט שטיקער טרערן.

בלייבט ער ליגן אַ פאַרמאַטערטער, אַן אָפּגעשוואַכטער; שטאַמלט אָפּגעהאַקט:
ווערטער־שפּיל און פּראָזן־פּלאַנטער —
ביסטו, מיין לעבן!...

„סמיטיאַ“

ווען דזשעק האָט גרישאַ׳ן אַריינגעפירט אין הויז, האָט זיך דער אומגעדולדיק־וואַרטנדיקער מישפּאָכע־אַזיל דערשראָקן, זיך איבערגעקוקט סוידעסדיק מיט די אויגן און זיך געשושקעט אין די ווינקלען און בא די פענסטער.

מען האָט דעם „גרינעם“ אַוועקגעזעצט באַם טיש און פאַרמוטשעט מיט נאַאיוו־נאַרישע פראַגן. נאָר גרישאַ האָט ניט איטלאַכען און ניט אַף יעדערנ׳ס פראַגן געענטפערט. אייניקע איז ער אָפּגעקומען מיט אַ שאַרפן בליץ פון זיינע אַריינגעגראָבענע שוואַרצע אויגן. אַ דערעסענע פראַגע האָט ער אַריינגעפּלאַכטן נערוועז מיט זיין האַנט אין זיין צושויבערטן קאָפּ־האָר, אַ צאָל האָט ער אָפּגעקנאַקט מיט די גראָבן־און־מיטלסטן פינגער און די איבעריקע האָט ער אָפּגעוואָרפן מיט זיינע דאַרגעלע הענט...

אַ וואָך צייט האָט מען אַרומגעפירט גרישאַ׳ן איבער די שיינע פּלעצער אין ניו יאָרק, אים אַרומגעשמייכלט

און ארומגעוויצלט און דערנאָך אוועקגעשיקט אין שאָפּ אַריין.

גרישאַ האָט ארומגעשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס באַטאָג איבער די עווענוס און אין אוונט, אין די פּאַרקס, מאַכמעס ער האָט זייער זעלטן געאַרבעט.

אָפּאַרבעטענדיק אַ טאָג אָדער צוויי, און אַמאָל נאָר אַ פּאָר שטונדן אויף אַ פּלאַץ, האָט ער זיך באַלד צוקריגט מיט'ן באַלעבאָס ; אויסגעצויגן זיין זעקס־פוסיגע פיגור, אוועקגעשיקט דעם באַלעבאָס, די אַרבעטער, דעם שאָפּ מיט אַלע מאַשינען, אויף רוסיש ציין־קריצנדיק, צו אַלע טייוולען... און אוועקהאַקנדיק פון זיך די טיר, איז ער מיט אַ צאָרנדיקן „סמיט־טיאַ״ (מיסט) אַראָפּגעפלויגן די טרעפּ.

זיינע באַקאַנטע און כאַווירים פון די רוסישע אַליי־ען און בערגלאַך אין קראָטאָנאַ פּאַרק, האָבן זיך מיט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט, אויסגעהערט זיינע אייגנאַר־טיקע מיינונגען איבער קונסט און געזעלשאַפטלאַכקייט און דערקענענדיק אים נעענטער, האָבן זיך פיל אָפּגעזאָגט צו האַמפּערן מיט אים ; ווייל זיינע אויגן האָבן אָנגע־הויבן בליצן, פאַרמאַכט און געעפנט סעקונדנווייז ; וויל־דער האָבן זיך צעשויבערט זיינע האָר ; ער האָט געקנאַקט און געבראָכן זיינע דאַר־לאַנגע פינגער און געציטערט, געביסן מיט די ציין...

פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגן אַ מייסעלע : גרישאַ האָט זיך געליבט מיט פאַני'ן, לייב דעם זייגערמאַכער'ס. פון דרייצען יאָר, קלאַס־העכער־קלאַס. צוזאַמען די קאַ־מערץ־שול געענדיקט. געבאַלעמט צו פאַרלאָזן דאָס אי־דישע שטעטל, דעם אידישן האַנדל און שווינדלעריי ; זיין פאָטער, דער ראַבינער, וואָס שערט די באָרד און שרייבט

ריכטיק רוסיש; אַלץ און אַלע און אַנטלויפן איז די גרויד־סע רוסישע שטעט. ער וועט לערנען פּאַר אַ אינזשעניר און זי, פּאַר אַ דאָקטאָר, און זיך אויסמישן צווישן עמעס־רוסישע...

האָבן זיך די אייזערנע קייטן פון די רוסישע הערשער בלוטיק אַריינגעקאָרבט אין און אַרום די העלדזער פון פּאָלק; האָט דאָס פאָלק ווי אַ גויסעס די הענט צע־שפּרייט, זיך אַנגעבלאָזן מיט די לעצטע קויכעס און אַ הויכן אָטעם געטאָן... איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע...

האָט עס באַ פּאַני'ן אין האַרצן אָפּגעקלונגען, אירע אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט און דערזען נייע וועגן, אַ נייע וועלט.

גרישאַ'ס נעשאַמע איז געווען אַ פאַרדאַרבענע, זי האָט ניט דערפילט די פריידן פון פאָלק; האָט ער פון דערוווייטנס געקוקט אויף דעם פאָלק'ס סימכעס און ניט־כוינעס, האָט דאָס אים דערצאָרנט און זיין קערפּער צע־שרויפט.

האָט דאָס פאָלק זיך געווענדעט צו אַלע יונגע זין און אויך צו גרישאַ'ן: „קומט, העלפט אונז זיך באַפרייען פון דער אַלטער וועלט און אויפבויען אַ נייע!“

און פּאַני האָט אַ ברייערע געשטעלט, אָדער—אָדער...

האָט זיך גרישאַ אין אַ זייט אָוועקגעצויגן, און מיט אַ ווילדן צאָרן „סמיטיאַ“, האָט ער דאָס רוסישע לאַנד פאַרלאָזט...

קוקט ער דאָ אויף די נאַקעטע הענט און רויטע ליפּן, באַטראַכט ער דאָ די ווייסע קעלנער, זיידענע העמדער און שניפּסן; שמייכלט סאַרקאַסטיש פון די פוסטע קעפּ. און ברומט אויף דער אַמעריקאַנער ווילדער פרייד: גראָבט די אויגן טיפער, טיפער; קנייטשט זיין שטערן, קאָרבט

אים, שפּאַלט אים, שויבערט זשמעניעט, רייסט די האָר און אין איינזאַמקייט לאָזט אַראָפּ אַ טרער...

צוקריגט ער זיך מיט זיין מישפּאָכע, פאַרלאָזט דאָס הויז פון זיין ברודער דזשעק, בלאָנדזשעט וואו אַרום אין פאַרבאָרגענע ווינקלען פון דער נאַכט און שפּעט אין אוונט גאַנוועט ער זיך אַריין אין זיין צימערל, וואַרפט זיך אָף זיין בעטל און שלאָפט ניט, שלאָפט ניט...

ווערט זיין קערפּער שוואַכער, שוואַכער, ווערט זיין פּאָנים בלייכער, בלאַסער, בליצן, לעשן זיך די אויגן: ציטערן בא אים הענט־און־פיס; אַ שוים צעזויט זיך אָף זיינע ליפּן... וויל די ערד אים מער אָף זיך ניט טראָגן; ציט ער זיך אַ קראַנקער אָף זיין בעטל.

שושקען זיך די הויז־מענטשן און שכעינים. סטראַשעט דער דאָקטאָר מיט'ן פינגער און רוימט אַ סאָד אין אויער דזשעק'ען.

צינט זיך גרישאַ אָן מיט'ן לעצטן פייער און שוימט מיט ווילדן צאָרן:

— העי, יו, סמיט־טיאַ, ביסט אַליין מעשוגע!...

פרייד־טרערן

יעדן פרימאָרגן רייסט דער „וועקער" אויף נעכין פון שלאָף האַלב נאָך זעקס. אַ פערטל נאָך זיבן איז זי שוין באַם סאָבוויי ון אַכט באַווייזט זי זיך אין שאָפּ מיט אַ שמייכל.

אַז נעכי איז געווען אַ שיין, געזונט מיידל, זאָגן איידעם בלויז די אויגן, אויך שוין אַביסל פאַרטרויערטע; פון די רויטע באַקן און שטענדיקן געלעכטער איז קיין סימען ניט געבליבן.

די פּאָדים, פון וואָס זי האָט געוועבט די „סוועדערס" האָבן זי אַרומגערינגלט, זי איינגעוועבט אין זיך און זיך איינגעגעסן אין איר, געצויגן, געצויגן, ביז דאָס פלייש אַראָפּגעצויגן, דאָס בלוט אויסגעזויגן, די בעקלאַך אַריינ־געשטופּט און פון זיי די פאַרב אויסגעזויפט, און קעדיי איינגאַנצן אָפּצולאָכן פון נעכי'ן, האָבן זיי, די פעדים, איר נאָז ניט אָנגערירט, האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זי האָט איר פּאָנים פאַרנאָזט און אַ שפּיץ אַראָפּגעשלעפּט.

און די אייזערנע שטעקנס פון די מאַשינען זיינען געלאָפן מיט זייער שליכעס, אַהין און צוריק, מיט אַזאַ געפּילדער און אַזאַ געקלאַפּ, אַז זיי האָבן איינגעשלונגען איר געלעכטער און איינגעוועבט צוזאַמען מיט די פעדים.

האָט זיך נעכי פאַרטראַכט און אַ לידל געטרויערט.

אַהיים שרייבט זי, צו דער מאַמע'ן דאָרטן, אין אַ שטעטל אין רומעניע, אַליין נאָך מיט דעם זעלבן נוסעך, ווי מיט פיר יאָר צוריק, ווען זי האָט באַטראָטן דאָס „גאָל־דענע לאַנד":

„טייערע מאַמע, דאַנקען גאָט געזונט, אַרבעט, ביז פריילאַך און לערן".

אָבער שוין לאַנג, לאַנג איז זי ניט אַזעלכע.

הערי, איר מומע'ס ברודער, אַ דרייסיקער באָכור, האָט איר נאָך דאָס ערשטע יאָר געזאָגט, אַז דער שאָפּ איז ניט פאַר איר, פאַר אירע איידעלע הענטלאַך, וואָס האָבן אין דער היים פון קיין שום אַרבעט ניט געוואוסט. נעכי איז אָבער געווען באַגייסטערט, אידעאַליסטיש: „יעדער מענטש דאַרף אַרבעטן אַף זיך!" און הערי האָט גע־שמייכלט. ער האָט שוין אָנגעשטעלט די מומען, דעם פעטער, אַ פּאָר פריינט, אָבער ס'העלפט ניט. זי וויל

אים ניט, זי האָט אים ניט ליב מיט זיין „גראָסערי"־פּסי־
כאָלאָגיע, זי האָט נאָך צייט.

מיט כאַוועדטעס און באַכורים, מיט ביכלאַך און
צייטונגען אונטער די אָרעמס פלעגט נעכי זיך פאַרהוליען
שפּעטע נעכט. די מישפּאָכע האָט עס צוגעזען אָבער
גאָרניט געקענט העלפן.

אַ ניט אויפהערלאַכע מידקייט האָט זיך צולייגט אַף
נעכי'ס פּאָנים, הענט און איבער'ן גאַנצן קערפּער. שוואַ־
כער און בלאַסער איז זי געוואָרן פון טאָג צו טאָג. זי
האָט עס נ י ט באַמערקט, ס'האָט זיך אָבער דערקענט
און מ'האָט דאָס אָנגעזען.

זי האָט זיך אָפּגענאַרט. פאַר אירע פאָטאָגראַפיעס
מיט די פולע באַקן פון דער היים, האָט זי געפונען טיירו־
צים : „פּעט — ניט מאַדיש".
אַ טאָג.

זיצנדיק באַם טיש און קלייבנדיק „אַן איינגל נאָך
אַן איינגל", האָט דער שאַפּ זיך אָנגעהויבן דרייען. די
מיידלאַך האָבן זיך געהוידעט און דער קאָפּ איז איר
געוואָרן שווער.

האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז זי נויטיקט זיך אין
אַפּרו, אַפּרו... האָט זיך נעכי דערטראַכט, אַז ס'איז
ניטאָ קיין צייט צו פירן לאַנגע ליבעס...

און ווען הערי האָט איר געבראַכט אַ דימענט־פינ־
גערל, האָבן זיך צוויי טרערן אַראָפּגעקייקלט פון נעכי'ס
אויגן :

— וואָס וויינסטו, טייערע ? — האָט זי הערי גע־
צערטלט.

— ס'איז טרערן פון פרייד ! — האָט איר מומע
געשמייכלט...

דעם מארגן אנטקעגן

זיינע נעכטנס האבן זיך צעגויפגעפלאכטן איינס אין צווייטן, הענט אף אקסל צונויפבאהעפט און זיך גערינגלט ארום אים אין טאנצנדיקע קרענץ. האבן זיי זיך אלע מאל איבערגעשטאלטלט: א קאראהאד הויכע פארשוינעז מיט בערד, גראבע שפאקולן אף די שטערן און מיט לאנגע אויסגעשטרעקטע לעקערס, וואס שפעטן און נאשן זיין מארך אויס. אט ציען זיי אריבער איבער זייערע פעגימער שווארצע טאליסים און ברומען, ווארפן אן א שרעק מיט זייער שאקלען זיך, ווערן זיי מעגולגל אין נאקעטע פלינקע מיידלאך מיט געפלאכטענע שלאנגען ארום זייערע ברוסטן, זיי טאנצן ארום אים, האלדזן אים און קושן אים אויס אלע אייוורים און די שלאנגען לאכן מיט און גיפטן אים אריין זייער געלעכטער...

ער וויל זיך אויפהויבן, אנטלויפן, קען ער נית. ער שטריינגט זיך אן מיט אלע קויכעס און כאפט זיך אויף. זיינע הענט האבן אפגעריסן די טויערן פון זיינע אויגן. די ווענט פון זיין צימער האבן זיך געשאקלט, דאס טישל האט זיך געדרייט און די בילדער אף די ווענט האבן קונצן געמאכט אין בויך זיינען נאך ארומגעפארן רייטערס און פערד־און־וואגנס. די ארויסגעזאטענע פליאכעס ביטערניש פון זיין מויל זיינען זיך צעפלויגן אין פארשידענע זייטן, אבער וואו־ניט־וואו שוין זיך פאראייניקט און געשאפן א שפייעכטץ־טייכל... זיינע האר זיינען געשטאנען אין א ווילדן כויזעק ווי זיבן מאלפעס זאלן האבן געטאנצט א קאדריל אף זיין קאפ. מידקייט האט זיך צולייגט בארכאוועסדיק אף זיין געזיכט, אריינגעקראכן אין די קנייטשן פון זיין שטערן, ארומגערינגלט די אויגן

און זיך אראפּגעלאָזט מיט די טאָלן פון באַרג־נאָז איבער דעם גאַנצן קערפּער.

פאַררעטערישע פּיס האָבן אים אַריינגעפירט אין וואַש־צימער. דער שפּיגל האָט זיך אוועקגעשטעלט אַנט־קעגן אים און זיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט: „זיך וואַשן? — צוליב וואָס? — היינט ניט!" האָט ער אַ האַנטוך פאַרדרייט אַרום זיין האַלדז, געשטופּט די פינגער אין גאָרגל — נאַרישע רעפּעטיציע...

די שטיקלאַך ציוויליזאַציע האָט ער צעוואָרפן מיט צאָרן איבער זיין צימערל, אַ פּראַל געטאָן מיט דער טיר און אַרויס.

אַף צעלאָכעס איז יענער טאָג געווען אַ היציקער. די זון האָט זיך צעהוליעט און געשטעלט אַף אונזער געגנט אַ שיינע פּאָר פּעסער פייער און מענטשן האָבן נעבאַך גע־שוויצט און זיך געפּרעגלט.

איז ער אַוועק, אַרויס דער שטאָט, געגאַנגען ציל־לאָז און געזוכט. איז אים געקומען אַנטקעגן אַ שטיין, האָט דער קאַלטער פריינט צוגעצויגן זיינע אויגן, איז צוגעפאַלן מיט זיין הייסן שטערן צו אים: „— מיין לי־בער, עפן דיין מויל און שלינג מיך איין. כ'וויל אויך ווי דו, ליגן פריי אין שאָטן פון בוים, אונטער שויס פון באַרג".

— יונגער מענטש, אַ וואַנדערער האָט אַמאָל גערוט אַף מיינע פּלייצעס, האָט ער פּאַר דאַנקבאַרקייט אַ בוים מיר איינגעפלאַנצט און באַרג, באַרג האָט מיך אַראָפּגע־וואָרפן.

— דו לאַכסט זיך קאַלט פון פראָסט און שטורם, און רעגן טאַנצט זיך דיר אַנטקעגן און מוז אַוועק אַף אַנדערע וועגן.

— דו מענטש, האסט מיך באזיגט. געווען א צייט, ווען מיין אויסקוק האט דיך דערשראקן, הייגט דין איך א הייסן שטערן צו קילן״.

די טריט פון די ערשטע נאכט שאטנס האבן אים געבראכט צו זיין טיר. א גוטע האנט האט אין זיין צימער געמאכט ארדנונג. ער האט זיך אריינגעווארפן אין זיין בעטל און געבלאזן פון זיך רויך מיט מידקייט.

א פאר שטונדן פאר מארגנס־געבורט האט ער זיך אויפגעכאפט, געוואשן זיין לייב, איבערגעטאן אין אנ־דערע קליידער און זיך געלאזן צו די בערג דעם מארגן אנטקעגן...

טייערע כאַווייִרים!

אויב איר האָט דורכגעלייענט אַלעס פון מיין ביכעלע, בעט איך איר זאָלט מיר אָנשרייבן בריוועלאַך און זיך ניט שעמען מיר אָנצואווייזן אַלע מיינע כיסרוינעס און כיסרוינדעלאַך.

ס'וועט זיך אייך עפשער ניט גלוסטן, בעט איך אייך איין נאָמען פון דעם ביסל צופרידנקייט, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט. מיט אייערע קריטיש באַמערקונגען וועל איך זיך פיל רעכענען.

איך וואַרט אַף אייערע בריוו.

אייער

שלוימע דאווידמאַן.

1131 Vyse Ave., Bronx, N. Y.